# אלף-בית

פון

## אליעזר שטיינבארג

פארלאג „קולטור“
ביי דער יידישער קולטור-פעדעראציע
פאר רומעניע, בוקאווינא, בעסאראביע און טראנסילוואניע.

# אלף בית

פון

אליעזר שטיינבערג.

טשערנאָוויץ 1921.

---

בוכדרוקעריי „א ר י ע נ ט“, טשערנאוויץ, שילערגאס 5.

אילוסטרירט פון

ארטור קאלניק.
רובין זעליקאוויטש.
סאלאמאן לערנער.

Printed in Poland



מיכָהלע
עפנט אויף דאָס ביכעלע
און זי זאָגט צום טעקעלע:
ברעקעלע!
ווערסט אין מיטן שטוב די וואָך
פונקט א יאָר מיט עפּעס נאָך,
דארפסט שוין לערנען. בובי! ווייס:
דאָס און אַלֶף! דאָס א בֵּית!
קוק אהערצו! זע נאָר דאָ! —
קָמַץ אַלֶף — אָ.
ווערסט געדענקען? יאָ?
בובי, פּע! דו קוקסט ארוים!
ניטע טאָכטער! הער מיך אוים.
זעסט א דאָס אָ ווי א שטעקעלע?
ס'איז א וואָוו! געדענק־זשע, ברעקעלע!
און א נון איז ווי א זעקעלע.
און א גימל ווי א שיכעלע.
גיב א קוש אין ביכעלע.
אז דו ווערסט געדענקען —
איך אן עפּעלע דיר שענקען!



| | |

( ( (

| | |
|---|---|
| א א א | א א א |
| אָ אָ אָ | אָ אָ אָ |
| יאָ יאָ | יאָ יאָ |
| נ נ | נ נ |
| ניי, ניי | ניי, ניי |
| ניין, ניין | ניין, ניין |
| יאָ, ניין | יאָ, ניין |
| ניין? — ניין! | ניין? — ניין! |
| יאָ? — ניין! | יאָ? — ניין! |





אַלֶף בֵּית! אַלֶף בֵּית!
אויפֿן בוים א שווארצע קראָ
און אין מויל א שטיקל קעז.
קָמַץ אַלֶף — אָ!
סקאָצל קומט! א גאסט איז דאָ!
ס׳קומט דאָס פּיקסל
מאכט א קניקסל
און סע רעדט זיך צוקער־זיס:
דו ביזט שיין און איך בין מיס!
זינג מיר קראָעלע, זינג א לידעלע
איך וועל שפּילן אויפֿן פֿידעלע:
טרי — רי—רא! טרי—ריי—רא!
שרייט די קראָ: קרא! קרא! קרא!
פאלט פֿון מויל די קעז ארויס
און דאָס מַעשֶׂהלע איז אויס!

ר ר    ר ר

רי רי    רי רי

ריי ריי    ריי ריי

רא רא    רא רא

רָא רָא    רָא רָא

יָא יָא    יָא יָא

ניין ניין    ניין ניין

ניי ניי    ניי ניי

ריי ריי    ריי ריי

ניי ניין    ניי ניין

ריי ריין    ריי ריין

ריין? יָא, ריין!    ריין? יָא, ריין!



ר ר     ר ר

ק ק     ק ק

רא, קרא, ראָ, קראָ, א קראָ!

רא, קרא, ראָ, קראָ, א קראָ.



רא רא     רא רא

קרא קרא     קרא קרא

ראָ ראָ     ראָ ראָ

קראָ קראָ     קראָ קראָ

ריי ריי     ריי ריי

ריין ריין     ריין ריין

ניי ניי     ניי ניי

ניין ניין     ניין ניין

יאָ יאָ     יאָ יאָ

א קראָ? יאָ, א קראָ!     א קראָ? יאָ, א קראָ!

אויף א בערגל אויוון אָן
קוקוריקו קרייט א האָן:
קוקוריקו! פּיצעלעך!
קומט און קויפֿט אייך מיצעלעך,
מיצעלעך מיט שפּיצעלעך,
צי א פּאָכער מיט א טראָלד
ניט אומזיסט און ניט פֿאר גאָלד.
ניט פֿאר שיינע פערעלעך —
נאָר פֿאר קליינע קערעלעך.



ר ר     ר ר

ה ה     ה ה

האָ, האָ, האָן, אַ האָן, ראָ, ראָ, קראָ, אַ קראָ

האָ, האָ, האָן, א האָן, ראָ, ראָ, קראָ, א קראָ

קו, קו, רי, רי, קוקוריקו! — אַ האָן!

קו, קו, רי, רי, קוקוריקו! — א האָן!

רא, רא, קרא, קרא! — אַ קראָ!

רא, רא, קרא, קרא! — א קראָ!

ראָ, ראָ,     ראָ, ראָ,

קראָ, קראָ     קראָ, קראָ

רא, רא     רא, רא

קרא, קרא     קרא, קרא

ריי, ריי     ריי, ריי

קריי, קריי     קריי, קריי

האָ, האָ     האָ, האָ

האָן, האָן,     האָן, האָן,

האָן! האָן! קריי: קוקוריקו! האָן! האָן! קריי: קוקוריקו!

— קוקוריקו!     — קוקוריקו!

| | |
|---|---|
| ניי, ניי — ניין | ניי, ניי — ניין |
| נאָ, נאָ — נאָר | נאָ, נאָ — נאָר |
| נא, נא — נאר | נא, נא — נאר |
| א האָן א נאר! | א האָן א נאר! |

# א האָן א נאר.

האָן, האָן! קריי: ריי, ריי, ריי!
— קו—קו—ריי . . .
— ניין, קריי: ריי, ריי!
— יאָ, יאָ! קו—קו—ריי . . .
— ניין, נאר! נאָר ריי קריי! ר—ר—יי—יי! ר—ר—יי—יי!
— יאָ, יאָ! ר—ריי, קו—קו—ריי—ק—ו—ו—ו!



קוואַק, קוואַק, קווא!
קוואַק, קוואַק, קווא, ווער מאַכט
דאָרט אין טייכעלע פֿאַרנאַכט?
דאָרט אין קליינע בעטעלעך
פֿון געל גרינע בלעטעלעך
זשאַבעס זשאַבקעלעך פֿאַרוויגן.
ווער סע וויל ניט רויִק ליגן
כאַפּט אַ שמיצל פֿונם טאַטן —
קווא— קווא— קווא! . . .
צו געזונט! סע זאָל ניט שאַטן!



ווא, ווא, קווא, רא, רא, קרא, קרא

**ווא, ווא, קווא, רא, רא, קרא, קרא**

קווא, קוואק! קרא, קראק!

**קווא, קוואק! קרא, קראק!**

ראָ, רא — **ראָ, רא**

ריי, רי — **ריי, רי**

---

נאָ, נא — **נאָ, נא**

ניי, ני — **ניי, ני**

---

וואָ, ווא — **וואָ, ווא**

וויי, ווי — **וויי, ווי**

---



קראָ, קראָ! קריי ווי א האָן!

— קרא! קרא!

— ניין, נאר, ווי א האָן קריי!

— קרא, קרא!

— קוקוריקו קריי! ווי א האָן!

— ק—ק—קרא! ק—ק—קר—ר—רא! קרא—א—א!

קראָ, קראָ! קריי ווי א האָן!

— קרא! קרא!

— ניין, נאר, ווי א האָן קריי!

— קרא, קרא!

— קוקוריקו קריי! ווי א האָן!

— ק—ק—קרא! ק—ק—קר—ר—רא! קרא—א—א!



מו מו מו! מו מו מו!
פֿארן ט ו י ע ר, שרייט א קו:
ע פֿ נ ט אויף מיר! לאָזט מיך צו.
צו מיין קעלבעלע, מיין קליינעם.
צו מיין זונדעלע, מיין שיינעם.
כ'וויל דאָס לעקן, קישן וויל איך
און אים געבן זיסע מילעך.



ו ו
מ מ

מו, מו, קו, קוק, א קו! קוק, א קראָ!

**מו, מו, קו, קוק, א קו! קוק, א קראָ!**

מו, מו, נו, נו, מונו, קריי ווי א האָן!

**מו, מו, נו, נו, מונו, קריי ווי א האָן!**

מו **מו** רו **רו**

מאָ מא **מאָ מא** ראָ רא **ראָ רא**

מיי .מי **מיי מי** ריי רי **ריי רי**

קו **קו** הו **הו**

קאָ קא **קאָ קא** האָ הא **האָ הא**

קיי קי **קיי קי** היי הי **היי הי**

או **או**

אָ א **אָ א**

איי .אי **איי אי**

# א קו און א האָן.

| | |
|---|---|
| — קו, קו! | — קו, קו! |
| קריי: קו-קו-רי-קו! | קריי: קו-קו-רי-קו! |
| נא אן איי, נא, און קריי! | נא אן איי, נא, און קריי! |
| — נאר, נאר! נא היי, | — נאר, נאר! נא היי, |
| מו — מו קריי! | מו מו — קריי! |

| | |
|---|---|
| מי מי מיר | מי מי מיר |
| אי אי איר | אי אי איר |
| הָא הָא הָאר | הָא הָא הָאר |
| קָא קָא קָאר | קָא קָא קָאר |
| קָארן, הָארן | קָארן, הָארן |

| | |
|---|---|
| מו, מו, מו — | מו, מו, מו — |
| א קו! א קו! | א קו! א קו! |
| קו, הָארן, | קו, הָארן, |
| היי, קָארן, | היי, קָארן, |
| קָארן — מיר | קָארן — מיר |
| היי — איר! | היי — איר! |

| | |
|---|---|
| קוק: קאָ, האָ, יאָ. | קוק: קאָ, האָ, יאָ! |
| קאָ—ר? | קאָ—ר? |
| — קאָר! | — קאָר! |
| קאָר—ן? | קאָר—ן? |
| — קאָרן! | — קאָרן? |
| האָ—ר? | האָ—ר? |
| — האָר! | — האָר! |
| האָר—ן? | האָר—ן? |
| — האָרן! | — האָרן! |
| יאָ—ר? | יאָ—ר? |
| — יאָר! | — יאָר! |
| יאָר—ן? | יאָר—ן? |
| — יאָרן! | — יאָרן! |
| קוק: קו — האָרן, | קוק: קו — האָרן, |
| איר — קאָרן, | איר — קאָרן, |
| מיר — יאָרן! | מיר — יאָרן! |





# בלינדזעניש.

אלע קינדערלעך זיך אויסגעשטעלט און יאָסי ווארפֿט אויס:

סוכּה, סכך,
בוידעם, דאך,
רעד א ביסל,
וויים א סאך.
רעד א ביסל,
קנאק א ניסל,
ניסל הארט —
זיין און ווארט!

פֿאלט אויס אויף שימעלען. שימעלע גייט ארויס. פֿארבינדט מען אים די אייגעלעך מיט א טיכל און מע פֿרעגט אים:

אויף וואָס שטייסטו?
— אויף א פּאס.
וואָסזשע טרינקסטו?
— עפּל־קוואס.
און וואָס עסטו?
— כ'עס א בייגל.
כאפּ־זשע פייגל!

אלע צעלויפֿן זיך ווי די פייגעלעך. שימעלע כאפּט.

ר ר ר ר

ס ס ס ס

רי רי סי סי יאָ יאָ יאָסי, מו מו ני ני מוני, מוני און יאָסי, יאָסי און מוני.

רי רי סי סי יאָ יאָ יאָסי, מו מו ני ני מוני, מוני און יאָסי, יאָסי און מוני.

ווא, ווא, קווא, קוואס, ני, ני, ניס, קוואס און ניס.

ווא, ווא, קווא, קוואס, ני, ני, ניס, קוואס און ניס.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| אוי או | אוי או | וואוי וואו | וואוי וואו | סוי סו | סוי סו |
| אָ א | אָ א | וואָ ווא | וואָ ווא | סאָ סא | סאָ סא |
| איי אי | איי אי | וויי ווי | וויי ווי | סיי סי | סיי סי |

| | |
|---|---|
| האָרן, קאָרן | האָרן, קאָרן |
| קאָרן, האָרן | קאָרן, האָרן |
| הייס, ווייס | הייס, ווייס |
| נאס, קוואס | נאס, קוואס |
| קוואס — מיר | קוואס — מיר |
| ניס — איר | ניס — איר |
| איר — ניס | איר — ניס |
| יאָסי, ניס! | יאָסי, ניס! |

*קו, קוק! יאָסי, קוק! הי, הי, אהין. יאָסי, קוק אהין!*

**קו, קוק! יאָסי, קוק! הי, הי, אהין. יאָסי, קוק אהין!**

*קא, קא, נא, נא, רי, רי, קאנאריק, א קאנאריק!*

**קא, קא, נא, נא, רי, רי, קאנאריק, א קאנאריק!**

*נא, נא, ווא, ווא, קווא, קוואק, קנאק, קנאק! יאָסי, קנאק ניס!*

**נא, נא, ווא, ווא, קווא, קוואק, קנאק, קנאק! יאָסי, קנאק ניס!**

*קאנאריק, קנאק: קוויק, קוויק!*

**קאנאריק, קנאק: קוויק, קוויק!**

| | | | |
|---|---|---|---|
| *מוי, מו* | **מוי, מו** | *הוי, הו* | **הוי, הו** |
| *מאָ, מא* | **מאָ, מא** | *האָ, הא* | **האָ, הא** |
| *מיי, מי* | **מיי, מי** | *היי, הי* | **היי, הי** |



יאָסי, יאָסי! אוי וויי, קוק!

— וואָס?

— א קאַנאַריק!

— וואו? וואו?

— קוק אהין! אָ, אָ!

— יאָ, יאָ! א קאנאריק! קנאק, קאנאריק, קנאק!

— קוויק, קוויק, קוויס!



# אַ האָן, אַ קראָ, אַ קו
# און אַ קאַנאַריק.

— קאַנאַריק, קאַנאַריק! קריי קוקוריקו ווי אַ האָן!
— ניין, קאַנאַריק, ניין! קראַ, קראַ, ווי אַ קראָ, קראַ—אַ!
— ניין, ניין! מו, מו, ווי אַ קו, מ—מ—מו—ו—ו!
— וואָס מיר האָן! וואָס מיר קראָ! וואָס מיר קו?!
קוויק, קוויק! קוויק, קוויק!

אַ האָן, אַ קראָ, אַ קו און אַ קאַנאַריק.

— קאַנאַריק, קאַנאַריק! קריי קוקוריקו ווי אַ האָן!
— ניין, קאַנאַריק, ניין! קראַ, קראַ, ווי אַ קראָ, קראַ—אַ!
— ניין, ניין! מו, מו, ווי אַ קו, מ—מ—מו—ו—ו!
— וואָס מיר האָן! וואָס מיר קראָ! וואָס מיר קו?!
קוויק, קוויק! קוויק, קוויק!



טרו, רו, רו!
טרו, טו, טו!
טרו—רו מאכט די טרובע,
טאנצט די באבע דובע
און זי פליעסקעט מיט די הענט,
אז סע טאנצן אזש די ווענט.

טרין, טרין, טרין!
טרין, טרין, טרין!
טרינק, טרינק! קלינגען טאצן,
קלאפן, שיר ניט פלאצן.
באבע דובע ווארפט די פיס
און זי שמייכלט הארציק זיס.



נ נ

ט ט



נ נ

ט ט

טוי, טוי, טו, טו, טאָ, טאָ, טא, טא, טיי, טיי, טי, טי,

**טוי, טוי, טו, טו, טאָ, טאָ, טא, טא, טיי, טיי, טי, טי,**

---

רי, רי, טרי, טרי, טרין, טרינ.. טרינק, טרינק.
טרינק טיי! יאָסי, טרינק טיי! וואָס טוט יאָסי? יאָסי
טרינקט טיי.

**רי, רי, טרי, טרי, טרין, טרינ.. טרינק, טרינק, טרינק טיי!**
**יאָסי, טרינק טיי! וואָס טוט יאסי? יאָסי טרינקט טיי.**

---

ריי, ריי, קריי, קריי. האָן, קריי! אַ האָן קרייט.

**ריי, ריי, קריי, קריי. האָן, קריי! א האָן קרייט.**

---

| | | | |
|---|---|---|---|
| טוי, טו | **טוי, טו** | רוי, רו | **רוי, רו** |
| טאָ, טא | **טאָ, טא** | ראָ, רא | **ראָ, רא** |
| טיי, טי | **טיי, טי** | ריי, רי | **ריי, רי** |

---

— יאָסי! יאָסי! אָט, אַן איי! — **יאָסי! יאָסי! אָט, אן איי!**

— וואו? וואו? מיר, מיר! — **וואו? וואו? מיר, מיר!**

— נאַ, יאָסי, נאַ אַ „ה״! — **נא, יאָסי, נא א „ה“**

יאָסי קרייט ווי א האָן.
— טו, יאָסי, א קריי!
— קו־קו־רי־קו־ו־ו!

יאָסי קרייט ווי א האָן.
— טו, יאָסי, א קריי!
— קו־קו־רי־קו־ו־ו!

קווי, קווי —
טרינק טיי!
קווא, קוואק —!
נים קנאק!
נים הארט —
יאָסי ווארט!

קווי, קווי —
טרינק טיי!
קווא, קוואק!
נים קנאק!
נים הארט —
יאָסי ווארט!

אַ קו — היי
יאָסין — א „ה“
מיר אן איי.

אַ קו — היי
יאָסין — א „ה“
מיר אן איי!



— יאָסי, יאָסי! קום אהיים!
וועסט זיך נאָך פֿארקילן.
ס'איז שוין נאכט, גענוג מיט ליים
זיך אין דרויסן שפּילן.

— מאמע, מאמע! קוק נאָר אָן,
כ'מאך פֿון ליים א לעמל,
און געמאכט האָב איך א האָן,
אויף זיין קאָפּ א קעמל.

און א טערקעלע, וואָס לאכט
און פֿאָרט אויף אן אייזל,
און אן עלפֿאנט אויך געמאכט,
קוק נאָר אָן א נעזל!

ה ה     ה ה

ס ס     ס ס

ם ם     ם ם

הײ, הײ, הײם, אַ הײם. קו, קום, קום אַ הײם!

**הײ, הײ, הײם, א הײם. קו, קום, קום א הײם!**

יאָסי, יאָסי! קום אַ הײם!

**יאָסי, יאָסי! קום א הײם!**

ווײ, ווײן, ווײַ, ווײַן, מײ, מײן, מײַ, מײַן, מײַן הײם.

**ווײ, ווײן, ווײַ, ווײַן, מײ, מײן, מײַ, מײַן, מײַן הײם.**

ווי, ווין, וויג... ווינט, ווײ, ווײן, ווײנ... ווײנט.

**ווי, ווין, ווינ. . . ווינט, ווײ, ווײן, ווײנ. . . ווײנט.**

**וו—וו—וו! או—או—או!**     וו—וו—וו! או—או—או!

**ווינט ווײנט.**     ווינט ווײנט.

**ווינט, ווינט! וואָס ווײנסטו?**     ווינט, ווינט! וואָס ווײנסטו?

**— וואו מײַן הײם?**     — וואו מײַן הײם?

**וואו מײַן הײם? וואו-ו-ו-ו?**     וואו מײַן הײם? וואו-ו-ו-ו?

**ריי, רײַ, רײַן, ארײַן. יאָסי, קוק ארײַן!**

ריי, רײַ, רײַן, ארײַן. יאָסי, קוק ארײַן!

**רוי, רויס, ארויס. יאָסי, קום ארויס!**

רוי, רויס, ארויס. יאסי, קום ארויס!

**קו, קוק, קוקט. יאָסי, קוק ארײַן! יאָסי קוקט ארויס.**

קו, קוק, קוקט. יאסי, קוק ארײַן! יאסי קוקט ארויס!

— יאָסי, קוק ארײַן:

אָט אַן „א“ אָט א „ה“! ניין, יאָסי, קוקסט ארויס!

קוק! אָ—ר?

— אָר!

אָר—ט?

— אָרט!



וו—אָרט?

— וואָרט!

ק—וואָרט?

קוואָרט!

יאָ, יאָסי, ווייסט, ווייסט! נא יאָסי ניס!

| | |
|---|---|
| אָרט, וואָרט | אָרט, וואָרט |
| וואָרט, קוואָרט | וואָרט, קוואָרט |
| קוואָרט, וואָרט | קוואָרט, וואָרט |
| וואָרט, אָרט | וואָרט, אָרט |
| אָרט—רט | אָרט—רט |
| רט—ט | רט—ט |
| ט—אויס | ט—אויס |
| וואָרט — אויס! | וואָרט—אויס! |



ניט קיין האָן,
ניט קיין קוקואווייקע
און סע מאכט:
קוקו—קוקו—רייקו!

און קוויק— קוויק
זינגט עס ווי א שוועלבל
און מע—מע
מאכט עס ווי א קעלבל.



און האוו— האוו
בילט עס ווי א הינטל,
און אנטלויפט
ווי אין פעלד א ווינטל.

ווער איז דאָס?
—יאָסי, שלעקל, שנעקל.
כאפּ איך אים,
קנייפּ איך אים אין בעקל.

ע

ע



מע, מע, מו, מע, מומע,

מומע, מא, מע, מאמע,

טא, טע, טאטע.

מע, מע, מו, מע,
מומע, מא, מע,
מאמע, טא, טע,
טאטע.

סע, סער, מעסער, נע, נעם, נעם א מעסער!

**סע, סער, מעסער, נע, נעם, נעם א מעסער!**

ווע, ווער האָט א מעסער? יאָסי האָט א מעסער.

**ווע, ווער האָט א מעסער? יאָסי האָט א מעסער.**



ע, קע, קען, קען. יאָסי קען קרייען ווי א האָן.

**ע, קע, קען, קען. יאָסי קען קרייען ווי א האָן.**

קריי, יאָסי, קריי!

**קריי, יאָסי, קריי!**

הע, הע, הער. קוק, יאָסי, קוק און הער!

**הע, הע, הער. קוק, יאָסי, קוק און הער!**

יאָסי, קום אהער! קוק און הער! קוק יאָסי אהער!

**יאָסי, קום אהער! קוק און הער! קוק יאָסי, אהער!**

קוק ניט אהין!

**קוק ניט אהין!**

הײ, הײס, הײסע, הײסע טײ, יאָסי טרינקט הײסע טײ.

הײ, הײס, הײסע, הײסע טײ, יאָסי טרינקט הײסע טײ.

ניטע, יאָסי! טרינק ניט קײן הײסע טײ!

ניטע, יאָסי! טרינק ניט קײן הײסע טײ!

הײ, הײס, הײסט. װײ, װײס, װײסט. מוני הײסט יאָסין קרײען.

הײ, הײס, הײסט. װײ, װײס, װײסט. מוני הײסט יאָסין קרײען.

יאָסי קרײט װי א האָן. יאָסי, װאו סוני? יאָסי װײסט ניט.

יאָסי קרײט װי א האָן. יאָסי, װאו סוני? יאָסי װײסט ניט.

קוק, יאָסי, קוק אהער!
ע—ר?
— ער!
אוי—ער?
— אויער!
מ—אויער?
— מויער!
ט—אויער?
— טויער!
קוק: מוי, טוי, רוי, ק—רוי?
— קרוי!
קרוי—ן?
— קרוין!
קוק, יאָסי, קוק מײן קרוין! װײ, װײס, װײסט. הײ, הײס, הײסט.
רײ, רײס, רײסט. ט—רײסט?
— טרײסט!
יאָסי קרוין און יאָסי טרײסט; יאָסי קען און יאָסי װײסט.

קוק, מײַן קרײַז, קוק מײַן טרײסט: װו—אוי?

— װאוי!

װאוי—ן?

— װאוין!

װאוינ—ט?

— װאוינט!

קוק: װאו װאוינט מוני? — מוני װאוינט װײַט.

קוק, מײַן טרײסט: מע, מי, סע, סער, מע—סער, מיסער.

קוק, יאָסי, װײַטער: אײן, נײן, װײן, רײן. נע, נער, אײנער,

רײנער, קײנער, מוני — א װײנער, סוני — א רײנער.

יאָסי אײנער און װי יאָסי קײנער, קײנער!



קוקט, א מויער!
אָן א טיר און אָן א טויער.
ווייסט איר, ווער סע וואוינט אין איר?
איר, ניט איר, ניט ער, ניט מיר.
ניט קײַן מיסער, ניט קײַן רײנער —
וואוינען וואוינט אין איר ניט קײנער.



נע, נעם, קע, קעם, קא, קאם,

נע, נעם, קע, קעם, קא, קאם,

יאָסי, נעם א קאם און קעם.

יאָסי, נעם א קאם און קעם.

? ? ?

ווער האָט א קאם און קען מיט אים ניט קעמען?

ווער האָט א האנט און קען מיט איר ניט נעמען?

ווער האָט א מויער אָן א טויער,

און ווער הערט ניט און האָט אן אויער?



א האָן האָט א קאם און קען מיט אים ניט קעמען,

א מעסער האָט א האנט און קען מיט איר ניט נעמען,

א נוס האָט א מויער אָן א טויער,

א קוואָרט הערט ניט און האָט אן אויער!



קיש, קיש, קיש!
שיק, שיק, שיק!
שיק, שיק, שיק, ווער מאכט,
פון פֿאַרטאָג ביז שפּעט בײַנאַכט?
משה שנײַדער קען א יעדער,
זײַן מאשינדל קלאַפּט כּסדר,
פֿאַר אונדז אַלע שטעפּט עס קליידער.

קומט צו־גיין הער דיבל—דאָבל
מיטן לאַנגען שאַרפֿן שנאָבל
און שרײַט אויס: פּיק, פּיק, פּאַנטל!
פֿאַרטיק שוין מײַן נײַער מאַנטעל?

— נאָך ניט פֿאַרטיק! — אײַ, דו קריכער!
נעמט דער שנײַדער קלאַפּן גיכער:
ריִדער, רידער, רידער, רײַדער,
רידער, רידער, רידער, רײַדער,
אָט אזוי נייט א שנײַדער,
אָט אזוי נייט א שנײַדער!

ט ט    **ט ט**

ש ש    **ש ש**

קי, קי, קיש, קיש, שי, שי, שיק, שיק, קיש, קיש, שיק, שיק.

**קי, קי, קיש, קיש, שי, שי, שיק, שיק, קיש, קיש, שיק, שיק.**

שע, שער, א שער. נע, נעם, נעם א שער! יאָסי, נעם א שער!
יאָסי נעמט א שער.

**שע, שער, א שער. נע, נעם, נעם א שער! יאָסי נעם א שער!**
**יאָסי נעמט א שער.**

שיי, שיין, שיינע, א שיינע, א שיינער.
מערי האָט א שיינע טאָק.

**שיי, שיין, שיינע, א שיינע, א שיינער.**

**מערי האָט א שיינע טאָק.**

קו, קוש, קושט. מערי קושט איר טאָק.

**קו, קוש, קושט. מערי קושט איר טאָק.**

סאמע, סאמע, סאמעט. מערי האָט א שער.
מערי שערט סאמעט.

**סאמע, סאמע, סאמעט. מערי האָט א שער.**

**מערי שערט סאמעט.**

**שע**

**שא שאָ**

**שוי שוֹ**

**שיי שײַ**

**שי**

שע

שא שאָ

שוי שו

שיי שײַ

שי



**וואָס טוט מערי?**

**מערי שערט.**

**וואָס שערט מערי?**

**מערי שערט סאמעט.**

**מערי נייט א ראָק איר טאָק.**

וואָס טוט מערי?

מערי שערט.

וואָס שערט מערי?

מערי שערט סאמעט.

מערי נייט אַ ראָק איר טאָק.





ק, קע,

מערי

אמעריקע

טע, שטע, שטעק, שטעקן.

רע, שרע, שרעק, שרעקן.



(יאָסי שנעקל. שלעקל, מיט זטעקל.)



יאָסי, יאָסי, וואוהין מיטן
שטעקן?

— קיין אמעריקע.

וואָס וועט יאָסי טון
אין אמעריקע?

— מיטן שטעקן
אמעריקע שרעקן!

יאָסי שרײַט:

קראַ— קראַ— קראַ!

— שאַ, יאָסי!

קוואַ— קוואַ— קוואַ!

— יאָסי, שאַ, שרײַ נישט!

האַוו— האַוו— האַוו!

— ע, יאָסי!

מע—ע—ע!

— יאָסי!!

קו—קו—רי—קו-ו—ו!

— קום נאָר אַהער! נאַ, נאַ, נאַ!

אוי, אוי, אוי!

— וועסט שוין נישט קרייען?

אוי, ניין!

— וועסט שוין מער ניט האַווקען?

ניין, ניין!

— וועסט שוין נישט קראַקען?

וועסט שוין נישט קוואַקען?

ניין, ניין, ניין!

טיי, טײַ, טײַער, רע, רער, טײַערער. יאָסי, מײַן טײַערער!

**טיי, טײַ, טײַער, רע, רער, טײַערער. יאָסי, מײַן טײַערער!**

ע, עס, עס. יאָסי, עס! עס, עסט! יאָסי עסט.

**ע, עס, עס. יאָסי, עס! עס, עסט! יאָסי עסט.**

ווע, ווערט. יאָסי ווערט טרינקען קאַווע?

**ווע, ווערט. יאָסי ווערט טרינקען קאַווע?**

קוק, מײַן טײַערער יאָסי, קוק: עס, עסט, ווערט.

ווערט—ער?

— ווערטער.

ש—ווערטער?

— שווערטער.

מ—ער?

— מער.

קא—מער?

— קאמער.

ווער קריכט אין קאמער?

— א האָן.

יאָסי ווערט עסן קאשע מיט מאָן.



אויפֿן אקסל מיט צוויי קאנען
טוט א בער צום ברונען שפּאנען.
כא, כא, כא! כא, כא, כא!

שיין די קענדעלעך, יאָ, יאָ,
נאָר זיי האָבן ניט קיין דנאָ!
שעפּט ער, שעפּט צוויי טעג כּסדר —
גרינג די קענדעלעך — א פעדער
כא, כא, כא! כא, כא, כא!

ווערט ער בייז און הייבט אָן ברומען;
טפו! דאָס וואסער הינגעקומען!
ניט געבליבן איז א לעק!
און ער שפּײַט און גייט אוועק.
כא, כא, כא! כא, כא, כא!

**ר ר**
ר ר

**כ כ**
כ כ

כא, כא, כא! א, אכ.. אכט, מא, מא, מאכט.

**כא, כא, כא! א, אכ . . אכט, מא, מא, מאכט.**

נא, נאכ.. נאכט. רא, רא, טרא, טראכט.

**נא, נאכ.. נאכט. רא, רא, טרא, טראכט.**

א קו מאכט: מו—מו. ווער מאכט האוו—האוו? — א הונט!

**א קו מאכט: מו—מו. ווער מאכט האוו-האוו? — א הונט!**

און ווער מאכט: קרא—קרא? — א קראָ!

**און ווער מאכט — קרא—קרא? — א קראָ!**

וואָס טוט יאָסי? — יאָסי טראכט. וואָס טראכט ער?

**וואָס טוט יאָסי? — יאָסי טראכט. וואָס טראכט ער?**

— יאָסי טראכט: נאכט ווי טינט ווער מאכט?

**— יאָסי טראכט: נאכט ווי טינט ווער מאכט?**

**כע**
כע

**כאָ — כא**
כאָ — כא

**כוי — כו**
כוי — כו

**כיי — כײַ**
כיי — כײַ

**כי.**
כי.

קײַ קײַן, שײַ שײַן . . . שײַנט.

**קײַ, קײַן, שײַ, שײַן, שײַנ . . . שײַנט.**

טע, שטע, שטער, שטערן, אַ שטערן שײַנט.

**טע, שטע, שטער, שטערן, א שטערן שײַנט.**



נאכט.

האוו, האוו, האוקען הינט.

וואו, וואו, וואו—ו—ו שרײַט אַ ווינט:

ניט קײַן שײַן און ניט קײַן שטערן,

וואוהין קומען? וואוהין קערן?

**נאכט.**

**האוו, האוו, האוקען הינט.**

**וואו, וואו, וואו—ו—ו שרײַט א ווינט:**

**ניט קײַן שײַן און ניט קײַן שטערן,**

**וואוהין קומען? וואוהין קערן?**



*שיי, שיַי, שיַין, שיַינ... שיַינט.*

**שיי, שיַי, שיַין, שיַינ... שיַינט.**

*היי, היַי, היַינ... היַינט.*

**היי, היַי, היַינ... היַינט.**

*נא, נאכט.*

**נא, נאכט.**

*נע, נעכט, נעכטן.*

**נע, נעכט, נעכטן.**

## נאכט.

א שטערן שיַינט.
האוו, האוו, שריַיט א הונט:
שיַין ניט, שטערן, שיַין ניט! ניטע שיַין!
— הונט! הונט! וואָס האווקעסטו?
האווקע נעכטן, האווקע היַינט,
שטערן הערט ניט, שטערן שיַינט!

טא, טאָ, טאָכ... טאָכטער, מײַן טאָכטער.

**טא, טאָ, טאָכ . . . טאָכטער, מײַן טאָכטער.**

מײַן טײַערע טאָכטער,

**מײַן טײַערע טאָכטער,**

מײַן טײַערע טאָכטער, קום אהער!

**מײַן טײַערע טאָכטער, קום אהער!**

**קוק, מערי, קוק, מײַן טײַערע טאָכטער:**

**א, אכ . . אכט, אָ, אָכ . . . אָכט**

**ק—אָכט?**

**— קאָכט!**

**װײַטער: מערי קאָכט. װאָס קאָכט מערי?**

**— מערי קאָכט קאשע מיט מאָן.**

**װער װעט עסן?**

**— א הון מיט א האָן.**

**יאָסי אין מיטן און מערי אױװן־אָן.**

יאָ, יא, יו, ניו, מאמעניו, טאטעניו.

**יאָ, יא, יו, ניו, מאמעניו, טאטעניו.**

מאמעניו טײַערע, טאטעניו טײַערער!

**מאמעניו טײַערע, טאטעניו טײַערער!**

| | |
|---|---|
| מערי שערט. | **מערי שערט.** |
| וואָס שערט מערי? | **וואָס שערט מערי?** |
| מערי שערט סאמעט. | **מערי שערט סאמעט.** |
| וואָס מאכט מערי? | **וואָס מאכט מערי?** |
| מערי מאכט א הוט. | **מערי מאכט א הוט.** |
| וועמען? | **וועמען?** |
| איר טאָכטער. | **איר טאָכטער.** |
| מערי האָט א טאָכטער? | **מערי האָט א טאָכטער?** |
| — יאָ, איינע | **— יאָ, איינע** |
| א שיינע | **א שיינע** |
| א ריינע | **א ריינע** |
| מיטן נאָמען קריינע. | **מיטן נאָמען קריינע.** |
| קריינע מיטן ראָק, | **קריינע מיטן ראָק,** |
| קריינעניו איר טאָק! | **קריינעניו איר טאָק!** |

פֿייגעלע, פֿייגעלע! 
פֿי, פֿי, פֿי!
פי, פי, פי!
וואו איז דער טאטע?
— ניטאָ ער הי!
ווען וועט ער קומען?
— מאָרגן פֿרי!
וואָס וועט ער ברענגען?

— א פֿעסעלע ביר!
וואו וועט ער שטעלן?
— אונטער דער טיר!
מיט וואָס וועט ער צודעקן?
— מיט א שטיקל פאפיר!
ווער וועט דאָס טרינקען?
— איך מיט דיר!



ר ר

פֿ פֿ



ר ר

פּ פֿ

פֿי, פֿי, פֿי! וואו מײַן טאַטע? — ניטאָ ער הי!

**פֿי, פֿי, פֿי! וואו מײַן טאַטע? — ניטאָ ער הי!**

פי, פי, פא, פא. פאפיר. פע, פע, פען.

**פי, פי, פא, פא. פאפיר. פע, פע, פען.**

א פען, טינט און פאפיר.

**א פען, טינט און פאפיר.**

---

פֿע, פֿע. עס עפעס! פֿו, פֿון, פֿוק, פֿוקס.

**פֿע, פֿע. עס עפעס! פֿו, פֿון, פֿוק, פֿוקס.**

יאָסי שערט עפעס אויס פֿון פאפיר. וואָס? א פֿוקס!

**יאָסי שערט עפעס אויס פֿון פאפיר. וואָס? א פֿוקס!**

**פֿע**

פֿאָ, פֿא

פֿוי, פֿו.

פֿיי, פֿײַ

פֿי



**פע**

פאָ, פא

פוי, פו

פיי, פײַ

פי.

מערי נעמט א שער, פּאַפּיר,
און שערט אויס א האָן, א שיינעם האָן.
אָט האָט איר אים!
קוקט אים אָן!
קוקט א קאם! א שיינעם קאם!
איר קענט מאכן א האָן פֿון פּאַפּיר?
יאָ? אנו מאכט!



**און א הונט פֿון פאפיר קענט איר מאכן? מערי קען!**

**קוקט מעריס הונט! א הונט מיט אויערן! אנו מאכט**

**איר א הונט פֿון פאפיר! פרואווט!**

און א הונט פֿון פאפיר קענט איר מאכן? מערי קען!
קוקט מעריס הונט! א הונט מיט אויערן! אנו מאכט
איר א הונט פֿון פאפיר! פרואווט!



**וואָס שערט יאָסי?**
**יאָסי שערט א פֿוקס.**
**א פֿוקס מיט א שיינעם עק.**
**קוקט!**
**שערט, טײַערינקע, שערט אויס א פֿוקס!**

וואָס שערט יאָסי?
יאָסי שערט א פֿוקס.
א פֿוקס מיט א שיינעם עק.
קוקט!
שערט, טײַערינקע, שערט אויס א פֿוקס!



לע, שלע, שלעכ... שלעכט, א שלעכטער.

**לע, שלע, שלעכ... שלעכט, א שלעכטער.**

## א פֿוקס און א האָן.

קו—קו—רי—קו—ו—ו!
אויפֿן פארקן שטייט א האָן.
קומט א פֿיקסעלע,
מאכט א קניקסעלע
און סע רופֿט:
— האָן, האָן! קום אהער!
קום מײַן טײַערער, קום מײַן זיסער!
— האוו, האוו, שרײַט א הונט.
ניטע האָן, הער ניט קײַן פֿיקסעלע!
א קניקסעלע מאכט עס
און שלעכטס טראכט עס.





צי אין דָרום, צי אין צָפון
איז געווען א ריז יַקנָה"ז
מיט א גרויסער לאנגער נאָז.
איינמאָל לעגט יַקנָה"ז זיך שלאָפן
שבת תֵּכֶף נאָכן עסן
און פאַרגעסן, אוי, פאַרגעסן
האָט די נאָז ער צו פאַרשטעקן
מיט צוויי גרויסע ווייכע קישן.

זיינען באַלד פֿון אַלע עקן,
פֿון די בענק און פֿון די טישן
בינען, פֿליגן, אָנגעקומען
און אין נאָז געטומען זשומען
ווי דרײַ הונדערט זיבן פֿאָלקן,
און געקיצעלט זיי דעם ריז.
האָט יַקנֶה״ז געטון א ניס,
איז פֿון נאָז אַרויס א וואָלקן
און געדונערט האָט אַרום —
ז—ז—זום, זום! ז—ז—זום, זום!



ז ז

ז ז

ז ז

זו, זוי, זאָ, זא, זיי, זײַ, זי, זע

**זו, זוי, זאָ, זא, זיי, זײַ, זי, זע**

זו, זו, זום, זום. ער, ער, מער, זומער.

**זו, זו, זום, זום, ער, ער, מער, זומער.**

ווי, אזוי, ווי—אזוי? וויאזוי הייסט יאָסיס שוועסטער?

**ווי, אזוי, ווי—אזוי? וויאזוי הייסט יאָסיס שוועסטער?**

יאָסיס שוועסטער הייסט מערי.

**יאָסיס שוועסטער הייסט מערי.**

רוי, רויז, א רויז, מערי מאכט אַ רויז.

**רוי, רויז, א רויז, מערי מאכט אַ רויז.**

אזא שיינע רויז! פֿון וואָס מאכט מערי אַ רויז?

**אזא שיינע רויז! פֿון וואָס מאכט מערי אַ רויז?**

מערי מאכט א רויז פֿון פּאפּיר!

**מערי מאכט א רויז פֿון פּאפּיר!**

רי, רי, ריז, אַ ריז! פּי, פּי, שפּי, שפּיז, אַ שפּיז,
רי, רי, ריז, אַ ריז! פּי, פּי, שפּי, שפּיז, אַ שפּיז,
אַ ריז מיט אַ שפּיז! וואו? — אין פּאריז!
א ריז מיט אַ שפּיז! וואו? — אין פּאריז!
רוי, רויז, אַ רויז. מוי, מויז, אַ מויז, מויז, מויז! קום ארויס!
רוי, רויז, א רויז. מוי, מויז, א מויז, מויז, מויז! קום ארויס!

אַ מויז און אַ רויז.

אַ מויז
קומט ארויס
און זי זעט אַ רויז.
טוט אַ שמעק.
אַ ניס —
און אוועק.
— אַ, פּע! — שרײַט זי — מיס!
אַ שרעק! —
אַ רויטע מויז
און אָן אַ עק.

א מויז און א רויז.

א מויז
קומט ארויס
און זי זעט אַ רויז.
טוט א שמעק,
א ניס —
און אוועק.
— אַ, פּע! — שרײַט זי — מיס!
א שרעק! —
א רויטע מויז
און אָן אַ עק.

קוק, יאָסי: ז, ז. ז—ן?

— זון!

קוק ווייַטער, מייַן זון:

יאָסי איז א זון.

און וואָס איז מערי?

— מערי איז א טאָכטער!

יאָ, יאָ! ווייַטער:

מערי האָט א טאָק. מערי רופֿט איר טאָק

קריינעניו, מייַן טאָכטער.

וויאזוי הייסט קריינעס מאמע?

— מערי!

אזוי

זע, מייַן זון, קוק, מייַן טרייסט:

קריינע האָט אַ פֿעטער און אַ מומע,

איר מומע הייסט סאָסי.

און וויאזוי הייסט איר פֿעטער?

— יאָסי!

א פֿעטער פֿעטער!

## זע

זוי, זו

זאָ, זא

זײַ, זיי

זי

א קאנאריק קנאקט
און יאָסי קנאקט.
— קוויק, קוויק, קוויק! —
קנאקט מײַן קאנאריק
אזוי שיין, אזוי זיס.
— און יאָסי?
יאָסי קנאקט ניס.

## זע

זוי, זו

זאָ, זא

זיי, זײַ

זי

א קאנאריק קנאקט
און יאָסי קנאקט.
— קוויק, קוויק, קוויק! —
קנאקט מײַן קאנאריק
אזוי שיין, אזוי זיס.
— און יאָסי?
יאָסי קנאקט ניס.





טריל, טריל, טריל!
טריל, טריל, טריל!
שפּילט א גריל.
קלאַפּט איר קעסל־פּויק און טאַצן,
פליעסקען זשאַבעס פונם טײַכל,
אײנע האַלט זיך צו דאָס בײַכל —
פאַר געלעכטער קען עס פּלאַצן.

# ל

לו, לוי, לי, ליי, לײַ, לא, לאָ, לע.

**לו, לוי, לי, ליי, לײַ, לא, לאָ, לע.**

רי, טרי, טריל, טי, שטי, שטיל, שא, שטיל.

**רי, טרי, טריל, טי, שטי, שטיל, שא, שטיל.**

פי, שפי, שפיל, שפילט. זוני שפילט שטיל
און זיס. אזוי זיס! שפיל, זוני, שפיל!

**פי, שפי, שפיל, שפילט. זוני שפילט שטיל**
**און זיס. אזוי זיס! שפיל, זוני, שפיל!**

לע, לער, לערן! לערן, יאָסעלע, לערן! וואָס טוט
יאָסעלע? ער לערנט. וואָס טוט זוני? זוני שפילט.

**לע, לער, לערן! לערן, יאָסעלע לערן! וואָס טוט**
**יאָסעלע? ער לערנט. וואָס טוט זוני? זוני שפילט.**

וואו איז מוני? מוני איז ניטאָ. ער איז אין שול.

**וואו איז מוני? מוני איז ניטאָ. ער איז אין שול.**

**יאָסעלע לערנט.**

**זע מײַן זון: לע, לע, לע—ז?**

**— לעז.**

**לעז, יאָסעלע, לעז מײַן זון: ווײַ, ווײַן, ווײַנ. . . ווײַנ—שע—לע.**

**לעז ווײַטער: א זיס ווײַנשעלע און א רויט עפעלע.**

**— א קוש אין יאָסיס קעפעלע!**

*יאָסעלע לערנט.*

*זע מײַן זון: לע, לע. לע—ז?*

*— לעז.*

*לעז, יאָסעלע, לעז מײַן זון: ווײַ, ווײַן, ווײַנ. . . ווײַנ—שע—לע.*

*לעז ווײַטער: א זיס ווײַנשעלע און א רויט עפעלע.*

*— א קוש אין יאָסיס קעפעלע!*



# א רויט ווײַנשעלע.

יאָסעלע שרײַט: מערי! מערי!

— וואָס איז יאָסעלע?

ווילסט א ווײַנשעלע? א רויט ווײַנשעלע?

— יאָ!

מאכט יאָסעלע א זיס ווײַנשעלע

פֿון זײַן ליפּעלע.

— כאפּ, כאפּ, כאפּ! — שרײַט מערי און

קושט יאָסעלען אין ליפּעלע.



*א, אן, אנ... אנט, אנטלײַ. אנטלײַ מיר א פען.*

**א, אן, אנ... אנט, אנטלײַ. אנטלײַ מיר א פען.**

מוני, סוני, יאָסעלע, סאָסעלע, שטײען ארום מערי.
מערי װארפֿט אױס:

| 3 | 2 | 1 |
|---|---|---|

לאָזער, לײזער, לײַ —
האָקן, פּאָקן,
שיכל, זאָקן,
זאָקן מיר אנטלײַ!

— װער זאָל לײַען?
יאָסעלע!
— יאָסעלע אנטלױפֿט.
כאַפּ אים!
מערי כאַפּט יאָסעלען.



איינס און צוויי איז דרייַ
און נאָך איינס איז פֿיר;
שטייט א שטיבעלע געבויגן
אָן א דאך און אָן א טיר.

וואו־זשע האלטן מיר? — בא זעקס?
זעקס און איינס איז זיבן;
וועגן דעם א שיינע מַעשֶׂה
וואָלט די קאַץ געשריבן!

פֿיר און איינס איז פֿינעף
און נאָך איינס איז זעקס;
דאָרט אמאָל געוואוינט א קאָטער,
האָט געבאקן ער געבעקס.

זיבן, אכט און נײַן
און נאָך איינס איז צען;
קען די קאַץ זיך ניט דערמאנען
וואָס און ווער און ווען!

צ צ

צ צ

צ צ

צי, ציי, ציַי, צו, צוי, צא, צאָ, צע.

**צי, ציי, ציַי, צו, צוי, צא צאָ, צע.**

ווי, צוויי. איינס און איינס איז צוויי. צוויי און צוויי איז פיר. פיר און צוויי איז זעקס. זעקס און צוויי איז אכט. אכט און צוויי איז צען.

**ווי, צוויי. איינס און איינס איז צוויי. צוויי און צוויי איז פיר. פיר און צוויי איז זעקס. זעקס און צוויי איז אכט. אכט און צוויי איז צען.**

איצעלע!
פיצעלע!
מיטן רויטן מיצעלע,
מיטן שיינעם קרענצעלע –
קום מיט מיר א טענצעלע!

**איצעלע!**
**פיצעלע!**
**מיטן רויטן מיצעלע,**
**מיטן שיינעם קרענצעלע –**
**קום מיט מיר א טענצעלע!**

# א היקעוואטע מאמע און א היקעוואטער זון.

זומער פֿאר־נאכט.

א קו קומט אהיים.

קומט זי צו צום טויער,

מעריקעט און היקעט:

מ—מ—מײַן זון!

היקעט, מעריקעט איר זון צו איר פֿון שטאל:

מ—מ—מא—מע—ע!

היקעט זי צו אים:

מ—מ—מוציקל! צוציקל מ—מײַנס! מ—מ—מו—ו—ו!

היקעט ער צוריק:

מ—מ—מוטער! מ—מ—מו—ו—ו!

אזוי היקעט מאמע קו צו איר זון

און איר זון צו איר.



# יאָסעלע אויפֿן צאפּ.

**יאָסעלע כאפּט א צאפּ.**

**נו, וואָס טוט מען, אז מע כאפּט א צאפּ? איר ווייסט ניט? הע! יאָסעלע ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טון.**

ער רײַט אויפֿן צאפּ און שרײַט:

האָפּ, האָפּ, האָפּ!
האָרן קאָפּ!
ניט צו נאָענט,
ניט צו ווײַט,
מעקען צאפּעס,
פֿײַנע לײַט.

טײטלען קײַען
זײ ווי קלײַען,
עסן שטרוי
מיט מאראנצן,
און זײ ניסן
און זײ טאנצן.

האָפּ, האָפּ, האָפּ!
האָרן קאָפּ!



סוני רעכנט:

יאָסי האָט צען ניס.

צוויי שענקט ער מערין.

וויפֿיל ניס האָט איצט יאָסי?

— אכט!

צוויי ניס האָט יאָסי צעקנאַקט.

וויפֿיל האָט ער איצט?

— זעקס!

צוויי האָט ער פֿאַרלוירן.

וויפֿיל האָט ער?

— פֿיר!

צוויי יאָסין און צוויי מיר!

| | |
|---|---|
| צע | צע |
| צוי, צו | צוי, צו |
| צאָ, צא | צאָ, צא |
| צײ, צײַ | צײ, צײַ |
| צי | צי |



טרו—רו—רו!
טרו—רו—רו!
דער ציגײַנער קובע
טרובעט אויף א טרובע.
טאנצט א בער,
היפעט, טיפעט הין און הער
און ער ברומט און סאפעט שווער:
בו—בו—בו! איך קען ניט מער!
טאנצט שוין איר פון מײנעט־וועגן.
און אן אפֿל שפרינגט אקעגן,
אויפֿן קעפל א צילינדער —
פֿרײלעך פליעסקען קלײנע קינדער!

ר ר     ר ר

ב ב     ב ב

בי, ביי, בײַ, בו, בוי, בא, באָ, בע.

בי ביי, בײַ, בו, בוי, בא, באָ, בע.

בע, בער, א בער. רו, טרו, טרובע, א טרובע.

בע, בער, א בער. רו, טרו, טרובע, א טרובע.

קובע האָט א טרובע. קובע טרובעט, א בער טאנצט.

קובע האָט א טרובע. קובע טרובעט, א בער טאנצט.

בע     בע

בוי, בו     בוי, בו

באָ, בא     באָ, בא

ביי, בײַ     ביי, בײַ

בי     בי



*רייַ, שרייַ, שרייַב! יאָסי, שרייַב! יאָסי שרייַבט.*

**רייַ, שרייַ, שרייַב! יאָסי, שרייַב! יאָסי שרייַבט.**

*לייַ, בלייַ, בלייַב! יאָסי, בלייַב! יאָסי בלייַבט.*

**לייַ, בלייַ, בלייַב! יאָסי, בלייַב! יאָסי בלייַבט.**

# יאָסעלע שרייַבט.

שרייַב מייַן זון: רייַ, רייַ.
יאָסעלע שרייַבט.
רייַ—ז?
— רייַז!
שרייַב: רייַז!
שרייַבט יאָסעלע.
פּ—רייַז?
— פּרייַז!
שרייַב: פּרייַז!
ש—פּרייַז?
— שפּרייַז!
שרייַב מייַן טייַערער:
יאָסעלע וועט עסן רייַז,
שרייַבן מיט א שפּרייַז,
ביכער וועט ער שרייַבן
און א זיסער זון פֿארבלייַבן.

# כ ך

כ ך

אי, איך. איך קען ניט מער.

**אי, איך. איך קען ניט מער.**

בו— בו— בו! איך קען ניט מער, ברומט א בער.

**בו— בו— בו! איך קען ניט מער, ברומט א בער.**

יאָסעלע שרײַט:

שאַט! שאַט! הערט:

א. ב! א. ב!

אויפֿן בוים א שווארצע קראָ

און אין מויל א שטיקל קעז

און — סטאָפּ! יאָסעלע בלײַבט שטיין.

— נו ווײַטער, יאָסי! — וואָס ווײַטער?

ווײַטער, ווײַטער... האָט א קו אן אײַטער.

איך קען ניט מער!

בו, בו, בו!
בערעלע טאַנצט.
— בערעלע, בערעלע! וואָס טאַנצסטו?
פֿריילעך ביזטו?
— איך? ניין!
נאָר אײַך מאַך איך פֿריילעך,
איר זאָלט לאַכן.
— נאָך וואָס, בערעלע?
— פֿון יאָסעלעס שמייכעלעך,
פֿון צירעלעס לאַכן,
טוט מען אין הימל
שטרײַלעכלעך מאַכן!





יאָסעלע מאָלט.
וואָס מאָלט ער?
ער מאָלט א שטיבעלע
מיט צוויי פֿענצטערלעך.
אין שטיבעלע שטייט א טיש,
איבערן טיש א לאָמפּ,
נעבן טיש צוויי בענקלעך.
וואָס נאָך שטייט אין
שטיבעלע?
א בעט, א קופֿערט און א
וואש־קאסטן.
שיין? יאָ?
איר קענט אזוינס מאָלן?
אנו!



זיצט א שוסטערל אין קעמערל
און סע קלאפט דאָרט מיטן העמערל,
קלאפט א פלעקל נאָך א פלעקעלע.
זאָגט צו אים דאָס גלעקעלע:
קאָפ!
פע! וואָס קלינגסטו אזוי גראָב?
דאָפ, דאָפ, דאָפ און דאָפ, דאָפ, דאָפ!
דין קלינג! דין, דין, דין! פאָלג מיך!
איך קען קלינגען, איך, איך, איך!
איך בין קלוג, איך בין...
— ביזט א לידיק יינגעלע
מיט א נאריש צינגעלע,
— טוט אים העמערל א זאָג —
קלאפסט אין קאָפ א גאנצן טאָג
און וואָס לאָזטו הערן?
קיין געדאנק, קיין געזאנג,
דין, דין, דין — א פוסטע קלאנג
און ניט מער!
און איך קלאפ און ארבעט שווער.
באָרוועס גייט אום ריוועלע,
מאך איך אים א שטיוועלע.

ר ר ר ר

ד ד ד ד

ד, דוי, דע, דאָ, דא, דײַ, די, דין. דין—דין—דין!

ד, דוי, דע, דאָ, דא, דײַ, די, דין. דין—דין—דין!

דין פאפיר. צייטעלע מאכט א קווייטעלע.

**דין פאפיר. צייטעלע מאכט א קווייטעלע.**

פֿון וואָס? פֿון דין פאפיר.

**פֿון וואָס? פון דין פאפיר.**

ז, זין, דזין. דזין—דזין—דזין!

**ז, זין, דזין. דזין—דזין—דזין!**

זע, דזע. אן, און, אונ.. אונדזערע, אונדזערער, אונדז.

**זע, דזע. אן, און אונ.. אונדזערע, אונדזערער, אונדז.**

ריוועלע! ריוועלע! שרײַב אונדז א בריוועלע!

**ריוועלע! ריוועלע! שרײַב אונדז א בריוועלע!**

ע, עק, לעק, קלעק, מעק.

**ע, עק, לעק, קלעק, מעק.**

# יאָסעלע שרײַבט.

שרײַב מײַן זון: דע, דע.
שרײַבט יאָסעלע.
דע—ר?
— דער.
שרײַב: דער.
רו—דער?
— רודער.
שרײַב: רודער.

ב—רודער?
— ברודער.
שרײַב: ברודער.
יאָסעלע שרײַבט רײן, שײן,
ניט קײַן קלעקעלעך,
ניט קײַן מעקעלעך —
קושט די מאמע
און די בעקעלעך.



# די קראָ און דער פֿוקס.

אויפֿן בוים שטייט א קראָ.
די קראָ האָט אין מויל א שטיקל קעז.
קומט דאָס פֿיקסעלע, צוקער־פּיסקעלע
און סע רעדט זיך זיס:
קראָעלע! קראָעלע!
דו ביזט אזוי שיין! אזוי שיין!
שפּיל מיר, שפּיל, מײַן טײַערס, שפּיל א לידעלע!
שפּילסט דאָך שענער פֿונם בעסטן פֿידעלע! —
קראַקעט די קראָ: קרא, קרא, קרא!
פֿאַלט די קעז פֿון מויל ארויס.
כאַפּט דאָס פֿיקסעלע דעם קעז
און אויס. — נישטאָ מיך!

| | |
|---|---|
| דע | דע |
| דוי, דו | דוי, דו |
| דיי, דײַ | דיי, דײַ |
| די | די |

# דער בער מיט די קענדעלעך.

אויפֿן אקסל מיט צווי קאנען
טוט א בער צום ברונען שפאנען.
די קענדעלעך זיינען שיין, זייער שיין,
נאָר זיי האָבן נישט קיין דנאָ.
שעפט דער בער, שעפט און שעפט
און סע שעפט זיך ניט אָן.
— טפֿו, שרייַט אויס דער בער —
דער ברונען איז דאָך טריקען!
ניטאָ אין אים קיין לעק וואסער!
ער שפּייַט אויס בייז און — מארש אהיים!





איר זעט: א קליין שטיבעלע.
דאָס שטיבעלע האָט א דעכעלע,
אויפֿן דעכעלע א קוימענדל.
פֿונם קוימענדל ציט זיך א רויך.
אין שטיבעלע ווער וואוינט?
א האָן מיט דריַי הינער.

אלע אינדערפֿרי טוט דער האָן א קריי:
— קוקוריקו—ו—ו!
באלד שטעלן זיך אויס זײַנע דרײַ ווײַבער
און זיי ציען א שטיל זיס לידעלע:

— קליין און ריין איז אונדזער שטיבל,
ליכטיק איז דאָס אויך.
און פֿון קוימענדל צום הימל
דריידעלט זיך א רויך.

דריי זיך רויכל, הייב זיך רויכל,
דריי זיך, הייב זיך הויך! —
וואו סע דריידעלט זיך א רויכל,
ברענט א פֿײַערל אויך!

אויפֿן פֿײַערל עפּעס קאָכט זיך,
עפּעס דאָרטן זידט.
פֿאַרטיק וועט דאָס באלד שוין ווערן —
פֿאַרטיק אונדזער ליד!



משׂהלע, קוישעלעלאָם-פּא-פּיר,

גייען גענדזלעך אויף שפּאציר.

שטייט א האָן אויף הויכן פּלויט

און זײַן מיצל פֿײַער רויט.

ר'האָט א מאנטל — סאמע גאָלד

און פֿון אונטן מיט א טראָלד.

טוט די גענדז ער כבוד אָן,

קוקוריקו! שרײַט דער האָן —

א גוט מאָרגן זאָגט ער זיי.

טוען זיי אויך א געשריי:

גו—גו—גו—גו, גוטן טא—אך!

גוטן טאך!

אז סע ציטערט אוש דער דאך!



# ג ג

גע, גאָ, גא, גײַ, גײ, גי, גוי, גו, גו.

**גע, גאָ, גא, גײַ, גײ, גי, גוי, גו, גו.**

גו, גוט, טאָ, טאָג. א גוטן טאָג!

**גו, גוט, טאָ, טאָג. א גוטן טאָג!**

זע, דזע, גע, גענ.. גענדזעלעך.

**זע, דזע, גע, גענ.. גענדזעלעך.**

פא, שפא, שפאציר. גענדזעלעך גייען שפאצירן.

**פא, שפא, שפאציר. גענדזעלעך גייען שפאצירן.**

צען גענדזעלעך זיינען געווען.  
דרײַ געגאנגען  
זיבען זאנגען.  
זיינען געבליבן?  
— זיבן!  
דרײַ געגאנגען אויפֿן שפאציר.  
זיינען געבליבן? — פֿיר!  
דרײַ געגאנגען זיבען א קער —  
איז געבליבן איינס, ניט מער!

# דער האָן און די גענדזעלעך.

אויפֿן פּלויט שטייט א האָן. זײַן מיצל איז רויט ווי פֿײַער,
זײַן מאנטל סאמע גאָלד — און פֿון אונטן מיט א טראָלד.
גייען דורך ווײַסע גענדז,
טוט דער האָן א קריי:
קוקוריקו!
גוט מאָרגן! — הייסט עס.
שרײַען די גענדז:
גו—גו—גו—גו, גוטן ט—טא—אך! גוטן טאך!
גוטן טאָג! — הייסט עס.

צי, צים, לו, פלו, פלוצים.

צי, צים, לו, פלו, פלוצים.

לאַ, קלאַ, קלאַפּ, קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ!

לאַ, קלאַ, קלאַפּ, קלאַפּ, העמערל, קלאַפּ!



יאָסי איז געגאַנגען

און געציילט די שטערן.

פּלוצים — האָפּ! — געפֿאַלן

און צעקלאַפּט דעם שטערן!

| | |
|---|---|
| גע | גע |
| גאָ, גאַ | גאָ, גאַ |
| גוי, גו | גוי, גו |
| גיי, גײַ | גיי, גײַ |
| גי | גי |



פֿייגעלע! פֿייגעלע! פּי, פּי, פּי!

וואו איז דער טאטע? — ווען וועט ער שטעלן?
— ניטאָ ער הי. — אונטער דער טיר.
ווען וועט ער קומען? — מיט וואָס וועט ער צודעקן?
— מאָרגן פֿרי! — מיט אַ שטיקל פּאַפּיר.
וואָס וועט ער ברענגען? — ווער וועט דאָס טרינקען?
— אַ פּעסעלע ביר. — איך מיט דיר.

(לעזן דאָסזעלבע זײַט 53).

דער טאטע איז אוועק־געפֿאָרן. יאָסעלע בענקט. ער פֿרעגט דאָס פֿייגעלע: „פֿייגעלע, פֿייגעלע! וואו איז דער טאטע?" דאָס פֿייגטלע ענטפֿערט: „ער איז ניטאָ הי. מאָרגן וועט ער קומען. ער וועט ברענגען א פּעסעלע ביר. טרינקען וועלן — איך מיט דיר!"

ניט קיין האָן, און האַוו—האַוו
ניט קיין קוקואווייקע בילט עס ווי א הינטל,
און עס מאכט: און אנטלויפט
קוקו—קוקו—ריקו! ווי אין פעלד א ווינטל.
און קוויק — קוויק ווער איז דאָס?
זינגט עס ווי א שוועלבל — יאָסי, שלעקל, שנעקל.
און מע—מע כאַפּ איך אים,
מאכט עס ווי א קעלבל. קנייפּ איך אים אין בעקל.

(לעזן דאָסזעלבע זײַט 34.)

**וויאזוי מאכט א קוקואווייקע?**
**וויאזוי קרייט א האָן?**
**וויאזוי זינגט א שוועלבעלע?**
**וויאזוי מעקעט א קעלבעלע?**
**וויאזוי האווקעט א הינטעלע?**
**וויאזוי קראַקעט א קראָ?**
**וויאזוי גוגערן געגדזעלעך?**

(ענטפערן שריפטלעך.)



וויו, מײַן פֿערדל!
פֿליִען לאָ'מיר
פֿון שפּיץ בוידים
ביז ושיטאָמיר!

און פֿון דאָרטן
קײַן כאַסלאָווע,
ווילן ציגן
פליעסקען בראַוואָ.

צאָפּ וועט שאָקלען
מיטן בערדל,
שפּרינגען קען נאָר
יאָסקים פֿערדל.

ץ ץ

ץ ץ

שפּיץ, קריץ, בליץ, צוויץ, צוויץ.

**שפּיץ, קריץ, בליץ, צוויץ, צוויץ.**

וויו, מײַן פֿערדל! פֿליען לאָ'מיר
פֿון שפּיץ בוידים ביז זשיטאָמיר!

**וויו, מײַן פֿערדל! פֿליען לאָ'מיר**
**פֿון שפּיץ בוידים ביז זשיטאָמיר!**



| | |
|---|---|
| זשע | **זשע** |
| זשאָ, זשא | **זשאָ, זשא** |
| זשוי, זשו | **זשוי, זשו** |
| זשיי, זשײַ | **זשיי, זשײַ** |
| זשי | **זשי** |

(לעזן דאָס לידל „קוואַק, קוואַק, קוואַ" זײַט 13.)

וועמען פֿאַרוויילן די זשאַבעס פֿאַרנאַכט?
ווער כאַפּט שמיץ פֿונעם טאַטען?
וואָס שרײַען די קליינע זשאַבקעלעך,
ווען זיי כאַפּן שמיץ?

א) ענטפֿערן שריפֿטלעך. ב) לעזן דאָס לידעלע „וויו, מײַן פֿערדל".
ג) אַרײַן שרײַבן דאָס לידעלע אין די העפֿטן.

האָץ, האָץ, האָץ!
בוידים קלאָץ!
גיי איך טאַנצן מיט דער קאַץ
און זי גיט מיר ניט קײַן קראַץ.
זאָגט די מאַמע: שיין דער טאַנץ,
גיט דער טאַטע א מאַראַנץ,
שענקט דער פֿעטער מיר א
קראַנץ.

האָץ, האָץ, האָץ!
בוידים קלאָץ!
גיי איך טאַנצן מיט דער קאַץ
און זי גיט מיר ניט קײַן קראַץ.
זאָגט די מאַמע: שיין דער טאַנץ,
גיט דער טאַטע אַ מאַראַנץ,
שענקט דער פֿעטער מיר אַ
קראַנץ.



# ל ז ף

לוי, לויף, איך לויף. קוי, קויף, איך קויף. פָּ=פָּאָ.

לוי, לויף, איך לויף. קוי, קויף, איך קויף. פָּ=פּאָ.

מיכל! מיכל! וואוהין לויפֿסטו?

מיכל! מיכל! זאָג, וואָס קויפֿסטו?

איך לויף קויפֿן מיר א טיכל
וואָס סע ווישט דאָס פּנים ריין,
איך לויף קויפֿן מיר א ביכל
וואָס סע לערנט זיך אליין.

איך לויף קויפֿן מיר א שיכל
וואָס סע טראָגט אויף מײַלן ווײַט.
איך לויף קויפֿן מיר א קיכל
וואָס מאכט זאט אי מיך אי לײַט!

(אַרײַן שרײַבן אין די העפֿטן.)



שע, טשע, טשאָ, טשא, טשוי, טשו, טשי, טשיי, טשײַ.

**שע, טשע, טשאָ, טשא, טשוי, טשו, טשי, טשיי, טשײַ.**

טשײַניק, אַ טשײַניק.

**טשײַניק, א טשײַניק.**



אויף א טיש שטייט א טשײַניק מיט הייסער טיי.
ווער סע טוט אים א ריר, בריט זיך אָפּ
און כאַפּט אוועק די האַנט.
זאָגט דער טשײַניק: א—יאָ איך בין שטאַרק?
איך שטיי אויוון אָן און מע שרעקט זיך פֿאַר מיר.
רופֿט מיך ניט טשײַניק, נאָר הער טשײַניק!
איר הערט? —
שפּעטער א ביסל איז שוין הער טשײַניק
געווען ליידיק, קאַלט און יאָסעלע האָט אין אים
געקלאַפּט: טשים, טשאָם, טשאָם!..

בו, בו, בו!
בו, בו, בו!
מיטן סמיטשיק אויפֿן באַס
שפּילט א בער אין מיטן גאַס.

בים, בים, באָם!
בים, בים, באָם!
פּויקט א העלפֿאַנט, טרעפֿט מיט וואָס?
— אין א פּײַקל מיט דער נאָז!



טשים, טשים, טשאם!
טשים, טשים, טשאם!
מיט די טאַצן קלינגט א קאַץ
פֿריילעך רײַבט זי טאַץ אין טאַץ.

צריל, צריל, צריל!
צריל, צריל, צריל!
אויף א פֿײַפֿל שפּילט א גריל,
זאל גיין טאַנצן ווער סע וויל!

סע איז=ס'איז.

# דער בייזער טאָפּ.

אויפֿן פּריפּיטשעק שטייט א טאָפּ.
דער טאָפּ זידט, ער איז בייז:
פּ—פּ—פּע! ווי מיס ס'איז דאָ!..
א רויך... סאזשע!... שווארץ!..
— נו, זאָגט צו אים הער קאָכלעפֿל:
איר קענט זיך ווענדן, די טיר איז אָפֿן.
א שפּרונג פֿונם פּריפּיטשעק און ארויס
אין דרויסן!
— שפּרינגען?! איך.. איך.. איך שרעק זיך.
— און אז איר שרעקט זיך, הער טאָפּ,
זיצט־זשע אויפֿן פּריפּיטשעק און שוויַיגט.



# די נאשערין.

איך האָב ליב דיך
דו האָסט ליב מיך
איצעלע האָט ליב — זיך!
איינמאָל קויפֿט די מאמע צוויי עפעלעך,
איינס איצעלען, איינס מערין.
וויינט איצעלע: ער וויל ביידע.
שענקט מערי איצעלען איר עפעלע.
ווערט איצעלע פֿריילעך,
נעמט ער זיך עסן די עפעלעך.
— איצעלע, איצעלע! מיר א פיצעלע!
בעט אים מערי.
— נאשערין — שרײַט איצעלע — אוועק!
זײַ ניט קײַן נאשערין! פֿע!

ער האָט=ר'האָט.

איינמאָל שיין איז עקל — בעקל.
ר'האָט א קאָפּ ווי א פּארשטעקל
און דערצו נאָך אלצדינג, אלײן:
אי די אקסלען, אי דער האלדז,
אי די לענדן, אי דער בויך,
אי די דינע פּיסלעך אויך, —
ווי א פלאש אויף גאָפּלען צוויי.
בײדע הענט — צווײ לעפּל זײ.
טאנצן קען ער אויף א שיסל
קוים צעברעכט ער זי א ביסל —
מעגט איר רופן אים קנאקד'יסל!



**איך האָב = כ'האָב.**
**איך וויל = כ'וויל.**

## די קו.

פֿאַרנאַכט קומט אַהיים די קו. זי שטעלט זיך
פֿאַרן טויער און מעקעט: מו, מו, מו!
אַ מוטער, אַ מוטער וויל איר קינד זען!
— לאָזט מיך צו מיין קעלבעלע צו. כ'וויל עס
לעקן, כ'וויל עס קושן, זיסע מילעך וויל
איך אים געבן. כ'האָב עס ליב ווי מיין לעבן.

(לעזן דאָס לידעלע „מו, מו, מו", זייט 61.)

## א פֿראַגע.

**די מאמע פֿרעגט יאָסעלען:**
**יאָסעלע, זיבען לעכט האָבן געברענט.**
**איינס האָט זיך פֿארלאָשן, וויפֿיל זיינען געבליבן?**
**— זעקס**
**— ניין, מיין קינד, זאָגט די מאמע, ניין!**
**זעקס האָבן אויסגעברענט, איינס איז געבליבן.**



טור, טור, טיל,
טור, טור, טיל —
אן אויטאָמאָביל!
אן אויטאָמאָביל!
אוי, שטופּט אים אונטער, שטופּט אים, רוקט!
ער האָט אויף פֿייגל זיך פֿאַרקוקט.
איך וועל צום פֿוילן אים פֿאַרקויפֿן,
וועט ער אויף אים אין שול גיך לויפֿן! . . .

(לעזן און שרייבן: א) „טריל, טריל, טריל" זייַט 66.
ב) „אויף א בערגל אויוון אָן" זייַט 10.)

# לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ.

רָחֵלע
— אויף איר קעפּעלע א בְּרָכָהלע —
זָאגט צום פּיצל טעקעלע:
ברעקעלע,
ביזט שוין אלט א חוֹדֶשׁ
און דו קענסט ניט לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ.
הער־זשע, טאָכטער, ניטע שלאָף!
קָמַץ אַלֶף אָ, אָ א בית — אָב
אָב א פֿאָטער
קֵדֶר טאָטער
טאָטער קֵדֶר
צימער חֶדֶר
זאָג־זשע מיידעלע,
רעד־זשע מיידעלע,
וועל איך קויפֿן דיר א קליידעלע —
מאָרגן בְּלִי נֶדֶר.

**בֹ, בוּ** בֹ, בוּ      **בֹ, בוּ** בֹ, בוּ

**בָ, בַ** בָ, בַ      **בָ, בַ** בָ, בַ

**בֶ, בֵ** בֶ, בֵ      **בֶ, בֵ** בֶ, בֵ

**בְ** בְ      **בְ** בְ

ווי בֹ בוּ שרײַב: קֹ, קוּ; דֹ, דוּ; נֹ, נוּ

**אָב — א פֿאָטער, קֵדָר — טאָטער,**

**טאָטער — קֵדָר,**

**לויפֿט א ווייַנגעלע אָן ריידער —**

**קומען וועט עס מאָרגן בלי נֶדֶר.**

אָב — א פֿאָטער, קֵדָר — טאָטער

טאָטער — קֵדָר,

לויפֿט א ווייַנגעלע אָן ריידער —

קומען וועט עס מאָרגן בלי נֶדֶר.

ר ר
ר ר

ח ח
ח ח

רֹ רוּ רָ רַ רֶ רֵ רִ
רֹ רוּ רָ רַ רֶ רֵ רִ

חֹ חוּ חָ חַ חֶ חֵ חִ
חֹ חוּ חָ חַ חֶ חֵ חִ

כֹ כוּ כָ כַ כֶ כֵ כִ
כֹ כוּ כָ כַ כֶ כֵ כִ

הָ, חָה, כִ, כָה. רָחֵלע, אויף איר קעפּעלע אַ בּרָכָהלע.

הָ, חָה, כִ, כָה, רָחֵלע, אויף איר קעפּעלע א בּרָכָהלע.

חֹ חוּ — חֹ חוּ
חָ חַ — חָ חַ
חֶ חֵ — חֶ חֵ
חִ — חִ

ווי חוֹ חוּ שרייַב: כֹ כוּ שֹ שוּ לֹ לוּ

חֹ, קֹ, דֶ, דֶשׁ, חֹדֶשׁ, קֹדֶשׁ, לָשֹׁן קֹדֶשׁ

חוֹ, קוֹ, דֶ, דֶשׁ, חוֹדֶשׁ, קוֹדֶשׁ, לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ

ביזט שוין אַלט אַ חֹדֶשׁ
ביזט שוין אלט א חוֹדֶשׁ

און דו קענסט ניט לָשֹׁן קֹדֶשׁ.
און דו קענסט ניט לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ.

(לעזן און שרייַבן דאָס לידעלע „לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ" זייט 107.)



שפּיין בּוידים צו ד׳רעדר!
מזל טוב! א כּלה ווערט
בלימעלע, בלאָ אייגעלע,
פֿאר א זומערפֿייגעלע.
וואיל דער מאמעשע, דעם
טאטעשע,
ס׳קומען געסט באלבאטעשע,
חשובע, געלאסענע
אויף דער גרויסער
חתונה!

קומט אריַין דער גריל ר׳ שׂמחה
ווערט א פֿרייד, א גרויסע שׂמחה!
שפּרינגט אריַין די זשאבע
שריַיט מען: מזל טוב! די באבע!
קומט אריַין די מערישקע —
טראָגט מען צו א פֿערישקע,
קומט ר׳ זשוקל דער מחותּן
טראָגט מען צו פֿון אלעם גוטן.
קומט דער חתן צו דער כּלה —
גייען טאנצן אלע!

*חֹ, חוּ, חָ, חַ, חֶ, חֵ, חִ.* חֹ, חוּ, חָ, חַ, חֶ, חֵ, חִ.

*תֹ, תוּ, תָ, תַ, תֶ, תֵ, תִ.* תֹ, תוּ, תָ, תַ, תֶ, תֵ, תִ.

*תֹּ, תּוּ, תָּ, תַּ, תֶּ, תֵּ, תִּ.* תֹּ, תּוּ, תָּ, תַּ, תֶּ, תֵּ, תִּ.

*חָ, חַ, תּוּ, תוּ, נָ, נָה, חַתוּנָה. חָ, תָּ, תָּן, חָתָן.*

**חָ, חַ, תוּ, תוּ, נָ, נָה, חַתוּנָה. חָ, תָּ, תָּן, חָתָן.**

*חוּ, חוּ, תָּ, תָּן, מחותָּן, מחותָּנים.*

**חוּ, חוּ, תָּ, תָּן, מחותָּן, מחותָּנים.**

*חָ, חָ, שוּ, שוּב, חָשוּב, חָשוּבע, חָשוּבע געסט.*

**חָ, חָ, שוּ, שוּב, חָשוּב, חָשוּבע, חָשוּבע געסט.**

*חָשוּבע געסט, גרויסע מחותָּנים זיינען געקומען אויף דער גרויסער חַתוּנָה.*

**חָשוּבע געסט, גרויסע מחותָּנים זיינען געקומען אויף דער גרויסער חַתוּנָה.**

| | |
|---|---|
| *תֹ תוּ* | תֹ תוּ |
| *תָ תַ* | תָ תַ |
| *תֶ תֵ* | תֶ תֵ |
| *תִ* | תִ |

ווי תֹ תוּ שרייב: *סֹ סוּ, תֹ תוּ*

כֹּ, כּוּ    כֹּ, כּוּ    כֹ, כוּ    כֹּ, כּוּ

כָּ, כַּ    כָּ, כַּ    כָ, כַ    כָּ, כַּ

כֶּ, כֵּ    כֶּ, כֵּ    כֶ, כֵ    כֶּ, כֵּ

כְּ    כְּ    כְ    כְּ

כּי כּי, לָי לָה, כַּלָּה, א כַּלָּה מיט א חָתָן

כּי כּי, לָי לָה, כַּלָּה. א כַּלָּה מיט א חָתָן

קומט דער חָתָן צו דער כַּלָּה

גייען טאנצן אלע.

קומט דער חָתָן צו דער כַּלָּה

גייען טאנצן אלע.

שׁוֹ שׁוּ    שׁוֹ שׁוּ

שָׁ, שַׁ    שָׁ, שַׁ

שֶׁ, שֵׁ    שֶׁ, שֵׁ

שְׁ    שְׁ

קומט אריַין דער פֿעטער שׂמחָה,

ווערט א גרויסע שׂמחָה!

קומט אריַין דער פֿעטער שׂמחָה,

ווערט א גרויסע שׂמחָה!

זֹ, זוֹ　　פֹּ, פּוֹ
זָ, זַ　　פָּ, פַּ
זֶ, זֵ　　פֶּ, פֵּ
זִ　　פִּ

ווי זֹ, זוֹ שרײַב: מֹ, מוֹ. טֹ, טוֹ.

סע קומט = ס'קומט. רֶב שִׂמְחָה = ר' שִׂמְחָה.

(לעזן און שרײַבן: „שפּיץ בווידים צו דרערד!“ זײַט 110.)

פָּ, חָ, חָה. מִ, מִשְׁ, מִשְׁפָּחָה.

## די גאַנצע מִשְׁפָּחָה.

מיך רופֿט מען זַלְמָן,
דער טאַטע הייסט קַלְמָן,
דער ברודער הייסט זֶרַח,
דער זיידע הייסט בָּרוּך,
די מאַמע הייסט קיילע,
די שוועסטער הייסט ביילע,
מײַן פֿעטער הייסט סירקע,
מײַן קעצל הייסט מירקע,
די באָבע הייסט יאָכע —
די גאַנצע מִשְׁפָּחָה!

די מאמע ווײַזט יאָסעלען אין ביכעלע:
זעסט, יאָסעלע, אָט דאָס ווי א שטעקעלע?
ס'איז א וואָוו! ווײסט גערענקען? — ווײסט געדענקען?
— יאָ!
מאָרגן ווײַזט אים די מאמע ווידער א וואָוו,
האָט שוין יאָסעלע פֿאַרגעסן וואָס דאָס איז.
רופֿט צו די מאמע דאָס הינטעלע,
ווײַזט אים א שטעקעלע און פֿרעגט:
— וואָס איז דאָס?
— א וואָוו! א וואָוו! שרײַט דאָס הינטעלע.
— א וואָוו! א וואָוו! כאַפּט אונטער יאָסעלע.
— אָבער פֿאַרגעס ניט, זון, צו זאָגן א דאַנק
דעם הינטעלע, זאָגט די מאמע.

וֹ וו

וָ וַ

וֶ וֵ

וִ

שרײַבן אזוי: בוֹ, בו.



לויפֿט א דונער נאָך א בליץ —
טוט א רעגענדל א שפּריץ!
חנהלע, סלאוועלע, ריוועלע —
וואַרף אַראָפּ דאָס שטיוועלע!
רחלע, בּרכהלע, מיכהלע —
צי אַראָפּ דאָס שיכעלע!

בּרעקעלע, טעקעלע שנעקעלע —
שלעפּ אַראָפּ דאָס זעקעלע!
הדרעלע, שׂרהלע, זיסעלע —
קלאָר—ווײַס פּיצל פֿיסעלע!
קומט אַרויס, אוי, צניפּעלעך —
שיקט קײן סטאַמבל שיפֿעלעך!

(לעזן און שרײַבן „מיכהלע עפֿנט אויף דאָס ביכעלע“ זײַט 4.)

עוֹ עֹ

עַ עָ

עֵ עֶ

ע

שרײַבן אַזוי: אֹ אוֹ. הֹ הוֹ.

עַ עֲ, בֵ, בֵ, רָ, רָה, עֲבֵרָה, אַן עֲבֵרָה.

זאָגן ליגן איז אַן עֲבֵרָה, מע טאָר ניט.

מִ, מִצ.. וָ, וָה, מִצְוָה, אַ מִצְוָה.

זאָגן אֶמֶת איז אַ מִצְוָה.

עַ, עֲ, עוֹ, לָ, לָה, עוֹלָה, אַן עוֹלָה, אַן עֲבֵרָה.

עֵ, עֵ, צָ, צָה, עֵצָה. גיב מיר אַן עֵצָה.

עֵ, עֵ, סֶ, סֶ, סֶק, סֶק, עֵסֶק, ניט דײַן עֵסֶק!

עַ, עֲ, עַק, עַק, שָׁ, שָׁן, עַקשָׁן.

יאָסי איז אַן עַקשָׁן, ער וויל ניט פֿאָלגן.

# מעריס פֿליג.

בורי האָט ליב צו כאַפּן פֿליגן, זיי אָפּרײַסן די פֿליגעלעך און אָפּלאָזן.

— פֿע, בורי, זאָגט צו אים מערי, מע טאָר ניט! ס'איז אן עבֿרה.

— שרײַב דאָס אָן פֿאַר אַ מיצווה, זאָגט בורי.

— דער פֿליג טוט אויך וויי, בורי, טוסט אן עוֹלה.

— ניט דײַן עסק! אַזוי וויל איך!

אן עקשן איז בורי.

— געדענק, בורי, ס'ע וועט דיר באַנק טון, געדענק! די פֿליג וועט זיך אין דיר נוקם זײַן!

— אַזוי! וואָס קען אַ פֿליג אָן פֿליגל טון?!

איינמאָל איז בורי געזעסן און געצייכנט, האָט ער איַינגעטונקען די פּען אין טינט.

פּלוצים — אוי א צָרה! — פֿון שפּיץ פּען איז אראָפּ א פֿליג אָן פֿליגעלעך און געמאכט א גרויסן קלעק!

האָט בורין זייער באנק געטון.

— זעסט, זאָגט צו אים מערי, זעסטו שוין! אַ נקָמָה!

— אֶמֶת! זאָגט בורי טרויעריק.

— און אז דו וועסט מיר צוזאָגן, מער ניט שלעכטס צו טון אַפֿילו קיַין פֿליג, וועל איך דיר העלפֿן, זאָגט מערי.

בורי האָט צוגעזאָגט.

האָט מערי גענומען די פּען און געמאכט פֿונ׳ם קלעק א שיינע גרויסע פֿליג.

אָט אזא



הֲדַסלע, סלאַוועלע, הינדעלע, מינדעלע, ישׂראלעקל, נפֿתּליקל, אֵליָהו פֿריידעך, אֶלימלך, עֶזרא עוזר, בּרוך גוזר און נאָך און נאָך קינדערלעך נעמען זיך אָן פֿאַר די הענטעלעך און שטעלן זיך אויס אין איין לאַנגער קייט.

דָוידל ציילט:
א אַלֶף אייגעלע
בּ בֵּית בייגעלע
ג גִימֶל גלעקעלע
ד דַלֶת דעקעלע
ה הֵא הינטעלע
ו וָו ווינטעלע
ז זַיִן זשאַווערל
ח חֵית חַבֵרל
ט טֵית טײַכעלע
י יוד ייַכעלע
כּ כָּף כַּוָנהלע
ל לַמֶד לְבָנָהלע
מ מֶם מַתָּנָהלע
נ נוּן ניסן —
די קייט צעריסן!
(די נון לאָזט זיך אָפּ פֿון דער סמך
און דָוִדל ציילט ווײַטער:)
ס סמֶך סוֹף
ע עַיִן עוֹף
פּ פֵּא פּעקעלע

פֿ פֵֿא פֿלעקעלע
צ צַדיק ציגעלע
ק קוּף קריגעלע
ר רֵיש רעקעלע
שׁ שִׁין שטעקעלע
שׂ שִׂין דאַרף צו סמֶך גיין
(שׂ נעמט זיך אָן מיט דער סמך און
מאַכט א ראָד.)
תּ תָּו און תָו אין מיטן שטיין
(תָּו און תָו גייען אַרײַן אין מיטן
ראָד. אַלע אותיות פֿון אַלֶף ביז נון
רינגלען אַרום דעם ראָד, די אַלֶף
נעמט זיך אָן מיט דער נון און מאַכט
נאָך א ראָד:)
צוויי ריידעלעך פֿון אותיות,
לעבעדיקע אותיות!
דָוִדל שפּילט אויפֿן פֿידעלע
אַלע אותיות זינגען
אַלע אותיות טאַנצן
דָוִדל אין מיטן —
טוט מיט רויזן זיי באַשיטן!

# די מאמע מיט די פֿינעף זין.

א מאמע האָט געהאט פֿינעף זינדעלעך: אײנס א קלײנס, אײנס א שײנס מיט א גילדן גארטעלע, אײנס א גרויס, א װאױלס און א קלוגס — װאָס די ברידערלעך האָבן ניט געװאוסט, האט ער זײ געװיזן — אײנס א נידריקס, א דיקס מיט א בײַכעלע.

אמאָל זײַנען אָנגעפֿאלן גזלנים און זײ האבן געזאָגט צו דער מאמען: אײן זון מוזטו אונדז אװעקגעבן! כאָטש אײנעם! װעלכן דו װילסט!

זאָגט די מאמע: פֿינעף זין האָב איך: אײנער דער קלענסטער, אײנער דער שענסטער, אײנער דער גרעסטער, אײנער דער בעסטער אײנער דער פֿעסטער, ניט אלע זײַנען גלײַך, נאָר אלע האָב איך גלײַך ליב. װעלכן קען איך אײַך געבן?

באלד זײַנען ארויסגעטרעטן דער גרעסטער און דער בעסטער און דער פֿעסטער אין דער מיט און א געשריי געטון: ניין! מע גיט ניט!

זײַנען צו זײ באלד צוגעשטאנען דער קלענסטער און דער שענסטער, האבן זיך אלע פֿינעף ברידער פֿעסט צונויפֿגעשלאָסן און זיך קעגן די גזלנים געשטעלט. איז אויף די גזלנים א פּחד געפֿאלן און זײ זײַנען אנטלאָפֿן!



וויפֿיל איז צוויי מאל פֿינעף?
צען!
יאָסעלע וויל אָבער ניט גלייבן,
ציילט ער די פֿינגערלעך פֿון זיין הענטעלע
צוויי מאָל הין און צוריק — קומט גאָר אויס ניַין!
ציילט ער ווידער אמאָל
און רופֿט אָן יעדעס פֿינגערל בײַם נאָמען,
ער זאָל זיך ניט טועה זײַן:
דער קלענסטער, דער שענסטער,
דער גרעסטער, דער בעסטער,
דער פֿעסטער; דער בעסטער,
דער גרעסטער, דער שענסטער,
דער קלענסטער — ווידער נײַן!
לאָזט ער אראָפּ דאָס קעפּעלע און פֿאַרטראַכט זיך:
וואו־זשע איז דער צענטער פֿינגער?
וואו? וואו איז ער?

לעזן און שרײַבן „דער ריז יקנהז" זייט 60—61.

קָמץ אַלֶף — אָ
שוועהלע
האָט א קועלע
מאכט עס מאָ!

פַּתַח שִׁין — שַׁא
דאָרט ניט דאָ
שטייט א קראָ
מאכט זי קרא!

צֵרֶה בֵּית — בֵּ
מענדעלע
האָט א קענדעלע
פון א שאָלעכ'ן פון אן איי.

חוֹלֶם גִמֶל — גוֹי
איקסעלע
האָט א ביקסעלע
מאכט עס פוי!

סֶגֹל בֵּית — בֶּע
טעמעלע
האָט א לעמעלע
מאכט עס מע!

חִירֶק בֵּית — בִּי
פֵּיגעלע
האָט א פֵּיגעלע
מאכט עס פִּי.

מלוּפּים גימֶל — גוּ
שיינדעלע
האָט א הינדעלע
מאכט עס קוקוריקו!

# ר׳ מייער און הער קאַרטאָפֿל.

ר׳ מייער פֿרעגט דעם קאַרטאָפֿל:
וואָס זײַט איר, מײַן ליבער־הער,
אֶפשר זיס? איר האָט ליב זיס?
— חס וְשָלום! איך בין דען
א נאַר? א נאַר האָט ליב זיס!
— זײַט איר זויער?
— גאָט איז מיט אײַך, ר׳ מייער!
איך בין דען א גרין אגרעסל?
— זײַט איר הארב?
— הארב איז כריין!
— זײַט איר פֿעפֿערדיק?
געזאלצן?
— ניין! ניין!
— וואָס־זשע דען זײַט איר,
הער קאַרטאָפֿל?
— איך בין ניט זיס, ניט זויער, ניט...
— וואָס איר זײַט ניט, ווייס איך,
אָבער וואָס זײַט איר יאָ?
— אי, לאָזט מיך געמאך!
כ׳האָב ניט קײַן צײַט!
א גוטן טאָג!



חַ אין עק וואָרט=אַח, משיחַ.

אויף א שטיין
זיצט א רעטעך מיט א כריין.
זאָגט דער רעטעך:
עטעך — בעטעך!
ס'איז דער הימל אזוי ריין —
לאָ'מיר ביידע טאנצן גיין!

באלד געוואָרן איז א פֿרייד
און געלאָפֿן קינד און קייט —
ס'טאנצט א רעטעך מיט א כריין!
ווי־זשע לויפֿט מען דאָס ניט זען?
משיחַס צײַט האָט מען געמיינט
און מע האָט פֿאר פֿרייד געוויינט.

איך בין אויכעט דאָרט געווען
צוגעשטופּט האָב איך זיך שווער
און כ'האָב אויך געלאָזט א טרער!



# יאָקעלע און יעקעלע.

יאָקעלע און יעקעלע האָבן זיך ליב, זייער ליב! האַנט בײַ האַנט גייען זיי אַלע פֿרימאָרגן אין שול. אויף איין באַנק, איינער נעבן אַנדערן, זיצן זיי אין שול, און בײַ די הענטעלעך פֿירן זיי זיך פֿון דער שול אַהיים.

איינמאָל פֿרעגט דער לערער: יאָקעלע! וויפֿל איז דרײַ מאָל דרײַ?

טראַכט יאָקעלע.

— אַכט, זאָגט אים שטיל אונטער יעקעלע (אַ טעות געהאַט יעקעלע).

— אַכט! שרײַט יאָקעלע אויס, דרײַ מאָל דרײַ איז אַכט!

— קורץ געטראַכט און גוט געמאַכט, זאָגט דער לערער, זיצן!

איז יאָקעלע ברוגז געוואָרן אויף יעקעלען: אַז מע ווייסט אַליין ניט, זאָגט מען ניט אונטער.

וואָזוי־זשע איז מען ברוגז?

ווי פֿריער פֿירט מען זיך בײַ די הענטעלעך פֿון דער היים אין שול און פֿון דער שול אַהיים, נאָר ברוגז: מע רעדט ניט.

איינמאָל זיצן זיי ביידע און מע ברוגזט זיך — מע שווײַגט. טוט יאָקעלע אַ גענעץ. כאַפּט יעקעלע אַ צעקערקעלע און וואַרפֿט עס אַרײַן יאָקעלען אין מויל. צעלאַכט זיך יאָקעלע.

חבֿר? פֿרעגט יעקעלע.

חבֿר! ענטפֿערט יאָקעלע, קײַטעלט מען צונויף די מינדסטע פֿינגערלעך און מע זאָגט:

ריגעלע ריגעלע רוגז, זײַנען מיר געוועזן ברוגז, ריגעלע ריגעלע ריק — זײַנען מיר חבֿר צוריק.

# קלעזמער.

שלומקע קלאפּט זיך אין די באַקן
און זיי קלינגען און זיי קנאַקן
ווי צוויי טאַצן: פּוק—פּוק—פּוי
אָט אזוי און אָט אזוי!

און דער קליינער פּעמפּעק יאַקל
האָט א בייַכעלע א — פּייַקל:
בים—בים—באָם און בים—בים—בוי
באַמקעט יאַקעלע אזוי!

יעקוב הירשעלע — אָט גייט ער! —
האָט א נעזל א טרומייטער:
טרו—טו—טו און טרו—טו—טוי
טרובעט הירשעלע אזוי!

און דער לאַנגער דאַרער יידל
איז א לעבעדיקער פידל:
טרידל—רידל—רידל—רוי
יידל האַלט די הענט אזוי!

וואָס־זשע פּעלט אונדז נאָך? א סמיטשיק!
נעמט א לאַנגן שטעקן איציק
און ער פידעלט טרי—לי—לוי
אָט אזוי און אָט אזוי!



# די קו און די קוקו־ווייקע.

איינמאָל איז א קו שפּאַצירן געגאַנגען, האָט זי אין וואלד, אין ווילדן וואלד פֿארבלאָנדזעט. נאכט, פֿינצטער, ביימער רַעשן — א פּחַד! און די קו גייט און גייט, גייט און וויינט: מו, מו! מו, מו! פֿינצטער איז מיר! ווי איז מיר! וואָס וועט מײַן קעלבעלע טון? ווער וועט אים זייגן געבן? מו, מו, מו!

דערזעט די קו א קוקו־ווייקע, זאָגט די קו צו איר: קוקו־ווייקע!

קוקו־ווייקע, האָב רַחמָנות!
הונגעריק מײַן קינד סכָּנות.
מו, מו, מו! אוי ווי דער מאמען

ניין, איך טאָר זיך מער ניט זאַמען
מיר דאָס חַיות גייט שוין אויס —
פֿיר מיך, פֿיר פֿון וואלד ארויס!



— קום! זאָגט די קוקו־ווייקע, איך וועל פֿליען און דו גיי מיר נאָך! לאנג לעבן זאָלסטו! זאָגט די קו, און לאָזט זיך גיין נאך דער קוקו־ווייקע.

די קוקו־ווייקע איז אָבער א שלעכטע געווען און זי האָט די קו נאָך טיפֿער אין וואלד פֿארפֿירט, אהין וואו די בייזע וועלף האלטן זיך אויף.

— כא, כא, כא! האָט זיך פֿלוצים דער שלעכטער פֿויגל צעלאכט, א פאטש געטון מיט די שווארצע פֿליגל און אוועקגעפֿלויגן!

פֿינצטער, דער ווינט ברומט, ברומט און וויינט ווי א מאמע, וואָס מע האָט זי פֿון איר איינציק קינד פֿארטריבן: וו—וו—וו——וו! או—או—או—או! און די ביימער רַעשן און ווילן דעם ווינט אײַנשטילן: ש—ש—ש—ש! ש—ש—ש—א—א—א! ש—ש—ש—א! נאָר דער ווינט וויל ניט אנטשווייגן ווערן. וויינט און די קו מיט אים: מו—מו—מו! ווי צו מיר! ווי צו מיר! וואָס וועט מײַן קעלבעלע טון? וואָס וועט מײַן קעלבעלע טון?

האבן די וועלף איר קול דערהערט און זי אויפֿגעגעסן.

און אז דער בייזער פֿויגל איז אנטשלאָפֿן געוואָרן, האָט זיך אים א בייזער חָלום געחָלומט: א קעלבעלע, א יָתוֹם בלאָנדזעט אין וואלד איינער אליין, גייט און שרײַט: מא—א—א—מע—ע—ע—ע! מא—א—מע—ע—ע—ע! אזוי טרויעריק, אזוי בעטנדיק, אזוי וויינענדיק, אז דעם שלעכטן פֿויגל האָט אזש בײַם הארץ פֿארקלעמט. האָט ער זיך אויפֿגעכאפּט און האָט שוין נישט געקענט אנטשלאָפֿן ווערן. ער האָט געקוקט, געקוקט אין פֿינצטערניש ארײַן און אים האָט זיך אלץ געדאכט, אז ער הערט פֿון טיפֿן וואלד ערגעץ א קעלבעלע שרײַען: מא—א—א—א—מע—ע—ע—ע! מא—א—א—א—מע—ע—ע!

טוט דער קוקו־ווייקע שוין באנג, וואָס זי האט די קו צו די וועלף פֿארפֿירט. הויבט אָן די קוקו־ווייקע צו רופֿן: קו, קו! קו, קו! קו, קו! קום אהער, דײַן קעלבעלע רופֿט דיך!

נאָר די קו ענטפֿערט נית.

און פֿון דעמולט אָן הערט די קוקו־ווייקע נית אויף צו רופֿן אין ווילדן וואלד ארײַן: קו, קו! קו, קו!

און אזוי וועט זי שוין אייביג וויינען און שרײַען: קו—קו! קו—קו! און אייביג וועט איר באנג טון.



איינמאָל זאָגט די מאמע צו גידעלען:
גידעלע, וואו נעמט מען ברויט?
— בײַם בעקער.
— און דער בעקער וואו נעמט?
— וואו? איך ווייס ניט.
— הער, גידעלע, וועל איך דיר דערציילן.

איינמאָל אין א שיינעם פֿרימאָרגן איז ארויסגע־
גאנגען א פויער אויפֿן פֿעלד, און צעגראָבן די ערד.
גענומען קערענדלעך א פֿולע האנט, געשיט, געשיט
און געזאָגט,

זיי, פֿארזיי     מאמע נעמט,
מַזָל, גליק,     גיט צוריק.



זײַנען ארויסגעגאנגען קליינע קינדערלעך און געזונגען:

גאָט! גאָט! גיב א רעגן
פֿון די קליינע קינדער וועגן.

באלד איז כמארנע געוואָרן און א גוטער רעגן, א ליבער רעגן איז געגאנגען און אָנגעטרונקען די ערד.

בײַנאכט האָבן אראָפּגענידערט פֿונם הימל קליינע מלאָכימ־לעך מיט בלאָע פֿליגעלעך, מיט גילדענע ריטערלעך אין די הענטעלעך. געקלאפּט, געקלאפּט אין דער ערד מיט די ריטערלעך און גע־זונגען שטיל:

זאנגען, זאנגען!
קומט ארויס!
אויף אײַך וואַרטן
קליין און גרויס.

וואַקסן זאָלט איר
הויך און שיין,
אויף אײַך וואַרטן
גרויס און קליין!

זײַנען אויסגעוואקסן פֿון דער ערד הויכע, שיינע, גילדענע זאנגען.



דעמולט איז ארויסגעגאנגען דער פֿויער מיט א בלישטשענדיקן סערפּ, א פֿאָך געטון מיטן סערפּ קעגן דער זון, א קלינג געטון מיט אים אין א שטיין — א פֿונק, א בלײַץ! און דער פֿויער האָט גענומען שנײַדן די זאנגען און געזונגען:

סערפּל שנײַד,
שוין די צײַט
צו באַפֿרײַען אונדזער פֿעלד.

זאנג, געזאנג,
פֿרײַער קלאנג
איז דאָס שענסטע אויף דער וועלט.



נאָכדעם האָט דער פּויער גענומען א דרעשער, גע־
קלאפּט אין די זאנגען, געקלאפּט און געזונגען:

ריישע—רעשע,
קלאפּ און דרעשע,
קלאפּ אהין און קלאפּ אהער,
קלאפּ ארויס פֿון שטרוי די קער.

און ער האָט ארויס געקלאפּט פֿון שטרוי
אלע קערענדלעך.



האָט דער פֿײַער צענויפֿגענומען די קערענדלעך און אװעק געפֿירט אין מיל אַרײַן. דאָרט האָט דער מילנער זײ געמאָלן, געמאָלן און געזונגען:

מילעכל! מילעכל!
מאָל און מאָל,
גיב מיר מילעכל
מעל אָן צאָל.

האָט דער מילנער אָפּגעמאָלן די קערענדלעך, איז געװאָרן פֿון זײ מעל.

האט גענומען דער בעקער דאָס מעל, אַרײַנגעשיט אין אַ מילטער, אַרײַנגעגאָסן װאסער, געקנעטן, געקנעטן און געזונגען:

טאָג צו טאָג    פֿון די טעג
טאָג צו טאָג    פֿון די טעג
און סע װערן טעג.    מאכט דאָך גאָט אַ יאָר.

מעל צו מעל    איך פֿון טײג
מעל צו מעל    איך פֿון טײג
און סע װערט אַ טײג.    ברױטן מאַך איך גאָר!



נאָכדעם הייצט דער בעקער אויס א גרויסן אויוון, נעמט די ברויטן אויף דער לאָפּעטע און זינגט:

היַיד אין אויוון!
היַיד אין אויוון!
באקט זיך דאָרט גוט אויס.
און פֿון דאָרטן
און פֿון דאָרטן
פֿארטיק קומט ארויס!

אָט אזוי באקט א בעקער ברויט.

גידעלען איז דאָס מעשׂהלע געפֿעלן. ער האָט זיך אויסגעלערנט אליין דאָס דערציילן.



שפּעטער מיט אפּאָר טעג קומט צו גאַסט א פֿעטער. אזא גוטער! אזא וואוילער!

א מאָלער איז ער געווען, דער פֿעטער. א מאָלער, וואָס מאָלט שיינע בילדער. ער האָט גענומען גידעלען אויף די קניעס, אים גע־קושט, געגלעט די קאָטשערלעך. פּלוצים זאָגט ער צו גידעלעס פֿאָטער: ווייסטו וואָס? קום מאָרגן צו מיר מיט גידעלען, וועל איך אים אָפּמאָלן.

אויף דעם האָט זיך גידעלע נים גערעכט . . . ער איז געוואָרן טויט ווי די וואַנט, אָנגעהויבן ציטערן און פֿלאַטערן, טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן און ער האָט זיך געריסען צו דער מאַמען.

— וואָס איז מיט דיר גידעלע?

— כ׳וויל נים! כ׳וויל נים! שרײַט ער.

— וואָס ווילסטו נים, קעצעלע?

— כ׳וויל נים, מע זאָל מיך אָפּמאָלן, מיך קנעטן אין דער מילטער . . . נעמען אויף דער לאָפּעטע . . . אײַנזעצן אין אויוון . . . כ׳וויל נים זיין קײַן ברויט! כ׳וויל נים, מע זאָל מיך אויפֿעסן!

(לעזן און שרײַבן: „דאָס שוסטערל" זײַט 83, „דאָס שנײַדערל" זײַט 41.)



# די שנעקעלעך.

ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן,
ניט געזען דאָס מיט די אויגן,
ניט פֿון פֿינגער אויסגעזויגן,

נאָר געהערט דאָס מיט די
אויערן
פֿון צוויי סקריפּענדיקע טויערן:



געווען אמאָל צוויי שנעקעלעך,
אויסגעפוצטע טעקעלעך,
סאמעטענע רעקעלעך,
רויטע שיך און זעקעלעך,
אויף די זײַטן שווערדעלעך,
און מיט לאנגע בערדעלעך.
איינס הייסט ניסן, איינס — ר' פּסח,
איינמאָל פּורים, ערב פּסח,
פונקט פֿיר וואָכן אונטער פעקיין,
וואו די הינט ווי ציגן מעקען,

וואו בײַטאָג שײַנט די לבֿנה,
און נאָך סוכּות פֿאלט ראש השנה,
שוין נאָך אלע ימים טובֿים,
אין א טאָג וואָס האָט גערעגנט,
זיך די שנעקעלעך געזעגנט
מיט די פֿרײַנט, מיט אלע קרובֿים
צוגעזאָגט זיי בריוולעך שיקן
און אויף כּמה, כּמה יאָרן
אויף דער וועלט געלאָזט זיך פֿאָרן
זוכן אוצרות, ברענגען גליקן,

ווינטן בלאָזן, ביימער רעשן,
שנייען שיטן, רעגענס וואשן.
וועניג? לאנג? — איך קען ניט וויסן.
און ר׳ פֿסחל, ר׳ ניסן,
אויף די פֿערדעלעך געריטן
ניט אין זײַט און ניט אין מיטן,
ביז געקומען, ביז דערגאנגען
צום א פֿעלד מיט הויכע זאנגען.

און דאָס פֿעלד אין סאמע מיטן
האָט א סטעזשקע דורכגעשניטן.
פֿאָרט א גוי דאָרט מיט א שליטן.
שטעלט זיך קעגן פֿערד
דאָס פּאָרל
און סע רייצט זיך מיטן ערל.
פֿסחל אים ווײַזט דאָס צינגל.
ניסל שלעפּט ארויס דאָס קלינגל.



פֿאלט א פּחד אויפֿן אלטן —
האָפּ פֿון שליטן און באהאלטן
זיך אין הויכן, טיפֿן קאָרן
אונטערן צווײַגל פֿונעם דאָרן.

ער פֿון דאָרט טוט קללות שיטן
און די שנעקלעך צו צום שליטן.
טרעפֿן זיי דאָרט זיבן קענדלעך:
איינס איז פֿול מיט גילדענע
פענדלעך
פֿון די גענדז, וואָס מילעך גיבן,
דריַי צעבראכן, דריַי צעריבן,
איינס געווען וואָלט פֿול מיט
רענדלעך
ווען ס'איז דאָ דאָרט אכט, ניט זיבן!

ווי פֿארהילצערט שטיין געבליבן
אויפֿן אָרט די ביידע
שנעקלעך.
אזא אוצר! ס'איז דאָך
שרעקלעך!
אָבער פֿאָרט צו זיך געקומען
און זיך באלד ארומגענומען.
זיך פֿאר פֿרייד געקושט די
שנעקלעך
אין די פיסקלעך, אין די בעקלעך.




מזל טוב זיך אָפּגעגיבן
און די קענדעלעך די זיבן
כאפּ און קונציק צוגעבונדן

צו די זאָטלען פֿון די פֿערדלעך
מיט דריי האָר פֿון זייערע בערדלעך
אויפֿגעזעצט זיך און פֿארשוואונדן.



האָפּ—גאַלאָפּ אין שטאָט געלאָפֿן
צו דער פּאָסט זיי גיך געטראָפֿן.
טינט און פּען געהייסן גיבן
און א בריוול אַהיים געשריבן,
אַז מע זאָל זיך אויף זיי רעכטן,
גענדז און קאַטשקעס זאָל מען שעכטן.

פֿיש געפֿילטע זאָל מען האַקן
און א פּורים־קוילעטש באַקן —
אויף דער שטאָט זאָל גיין זייַן שם:
גיך און באַלד אם ירצה השם
קומען זיי אַהיים צו מזל
אין זייער שטעטל „מיזל—מאַזל“.

מזרח, מערב, דרום, צפון —
איצטער קינדער לעגט אייַך שלאָפֿן
אפשר וועט איר זען אין חלום
ס'קומען אָן די געסט בשלום
מיט די אַלע זיבן גליקן:

איינגעמאַכטס זיי וועט מען שיקן
שבת צו זייער טיש צום גרויסן
און איר וועט ניט שטיין אין דרויסן
גלייַך מיט אַלע, לעקעך עסן, —
זאָלט איר מיך אויך ניט פֿאַרגעסן.

# א פלוידער־מַעשׂה.

מעשׂהלעך אגאנצן פאק
מיר דערציילט דער פלוידער־זאק.
איינע וועל איך איַך דערציילן
און קיַין אות פֿון איר פֿארפֿיילן:

איינמאָל איז געווען א רַב מיט א ציג, מיט א בער. פֿלעג די ציג שפּרינגען אין גאָרטן אריַין, איז דער רַב ביין געוואָרן און געכאפּט דאָס אויבערשטע פֿונם שטיסל און געווארפֿן דער ציג גליַיך אין פּוס אריַין. האָט אָנגעהויבן צו רינען דעם בער בלוט פֿון דער נאָז.

האָט דעם רַב געטון זייער באנג —
נעבעך! ס'איז דער בער דאָך קראנק!

נעמט דער רַב דאָס פעקל פֿונם פֿלעקל און לאָזט זיך גיין אין וויַיטע לענדער זוכן א רוֹפֵא. גייט ער, גייט, ביז ער קומט צון א טיַיך. זיַינען שוין אלע שיפֿן געווען אוועקגעגאנגען. נאָר איין שיטערע זיפּ איז געבליבן.

אז סע איז נישטאָ צו עסן,
מאכט מען מיטן ליפּל.
אז סע איז נישטאָ קיַין שיפֿל,
פֿאָרט מען מיט א זיפּל.

זעצט ער זיך אַרײַן אין זיפּל און ווערט דערטרונקען און פֿאָרט ווײַטער:

פֿאָרט ער, פֿאָרט, וואַלד אײַן וואַלד אויס, ביז ער קומט צופֿאָרן אין אַ געדיכטן וואַלד.

פֿינצטער איז אין וואַלד, אוי וויי מיר!
און סע רעשן דאָרט דרײַ ביימער.

אויף איינעם זיצט אַ שלײַען און קנאַקט ניסלעך, אויפֿן אַנדערן אַ ווערוויקל און דרייט זיך די וואָנצעס, אויפֿן דריטן אַ גילדענע פּאווע און לאַכט!

איז דער רבי אויף איר שטאַרק בייז געוואָרן און איר אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק.

האָט זיך די פּאווע שטאַרק פֿאַרשעמט און געשענקט דעם רבין אַ ווינשפֿינגערל.

אַז די רביצן טוט עס אָן אויפֿן פֿינגער און זאָגט:

פֿינגערל, פֿינגערל! כ׳דאַרף אויף שבת —
זינגען שלײַען, טאַנצן זשאַבעס!





## דער זיידע.

דרייט זיך אום דער זיידע ווינטער
אויף די ברייטע וועגן
ווען ער באגעגנט טוט ער
רעטעניש פֿרעגן.

וואָס איז דאָס:

ניט קײַן פֿייער און סע ברענט
פּיקט אין אויער – האָט קײַן הענט
גיסט א רעגן – מאכט ניט נאס
און מיט זילבער פוצט די גאס!

דארף צו וואַסער ניט קײַן פֿאס:
קען דאָס האלטן אין א זיפּ
ווער סע טרעפֿט —
דער כאפּט א קניפּ!



אויפֿן שליאַך דעם גרויסן,
וואָס ער פֿירט קײַן דותן
איבער גרויסע ווײַטע לענדער
פֿאָרט דער אַלטיטשקער
ר׳ סענדער
אין אַ בויד מיט פֿערד אַ פּאָר
שוין פֿון ווייס איך. וויפֿיל יאָר.
ווען צום ווײַב געזאָגט ער:
דוואָסי!
זײַ געזונט און שטאַרק איך פֿאָר!
דעמולט האָט דער
קלײנער יאָסי
אויסגעציפּט זײַן פֿערד אַ האָר.
איצטער סקריפּען צו די אַקסן
און ר׳ סענדער פֿאָרט און פֿאָרט.
יאָסי לאַנג שוין אויסגעוואַקסן
און ער האָט אַ לאַנגע באָרד!...





זײַט געזונט! געניג געלערנט!
איצטער וועל־מיר פֿאָרן
ווידער אויף א זומער־וואוינונג,
דאָס יאָר ווי פֿאַריאָרן!

אוי איז גוט אין גרינעם טאָל דאָרט
באָרוועס זיך צו שפּילן
און זיך באָדן דאָרט אין טײַכל,
וואָס סע דרייט צוויי מילן.

דאָרט איז דאָ א וועלדל, גייט מען
יאַגעדקעלעך קלויבן —
און א טויבן־שלאק איז דאָ דאָרט,
וואָרקען אין אים טויבן.

אויף א דאך צוויי ביסיקעס דאָרט
שטייען אויף איין פיסל —
דורך א שוועלבעלע געשיקט זיי
נעכטן אונדז א גריסל.

און באַפֿוילן: שוין געקומען
זײַנען זיי פֿון חָרָן —
און זיי וואַרטן לאנג אויף אונדז שוין —
זײַט געזונט! מיר פֿאָרן!

# באמערקונג.

1) פאר יעדער לעקציע קומט א בילדל און א קינדער־לידעלע, וועלעכע געפינט זיך אין א געוויסן צוזאמענהאנג מיט דער קומענדיקער לעקציע. דאס לידעלע לעזט פאר דער לערער פאר די קינדער, זינגט עס מיט זיי אין כאר פאר דער לעקציע ווי אויך נאכן — און טיילמאל, געפינענדיק דערצו דעם פאסענדען מאמענט — אויך אין מיטן לערנען, אריינברענגענדיק אויף אזא אופן לעבעדיקייט, פארשידנארטיקייט אין גאנג פונם לערנען.

2) יעדע לעקציע מוז נעדויערן ניט ווייניקער פון א וואך. אין משך פון דער צייט לערנען זיך די קינדער אוים די לעקציע גוט שרייבן, לעזן, דעקלאמירן, זינגען די לידעלעך, און אויך נאכמאלן די איינפאכע, גרינגע צייכענונגען, וועלעכע געהערן צו דער געגעבענער לעקציע.

3) לויטן באשלוס פון דער ערשטער אלרומענישער קולטורקאנפערענץ אין טשערנאוויץ (דעצעמבער 1920) איז אין פיבל איינגעפירט געווארן די רעפארמירטע ארטאגראפיע.

4) דער דגש ווערט אין יידישע ווערטער לגמרי ניט געברויכט. די שוואכע פ ווערט באצייכנט מיט א איבערשטריך, כדי זי צו אונטערשיידן פון דער פ, וועלעכע קומט אין יידישע ווערטער אנ׳ם דגש.

5) דער פארשלאסענער און אפענער קלאנג „i“ ווערט באצייכנט אין יידיש מיט דעם איינעם און זעלבן אות „יוד“. אזוי „יאסי קנאק ניס“ און „יאסי ניס!“ = „טו א ניס!“, (זע זייט 23) ווערן גלייך געשריבן. כאטש אין ערשטן פאל לעזט זיך די „i“ פארשלאסן און אין צווייטן אפן. דאס זעלבע אויך אין דייטש מיט דער אפענער און פארשלאסענער „e“.



-- בוכדרוקעריי --
„אריענט“
טשערנאוויץ
שילערגאס נר. 5.